# פרק א חלק שני

(האב חיב בבנו להשיאו אשה) דער פאטער איז מחויב זיין זון איין ווייב צו געבין כדי ער זאל זיין זון פר מיידן פון דער עבירה פון זנות און פון הרהור זנות און ער זאל זיין זון געוויינן און וועלטליכע זאכן און זאל אים איין ווייב נעמין ער זאל קינדר האבין דאס די וועלט זאל גמערט ווערין אזו וויא מיר לערנן אין מסכת קדושין די רבנים האבין גלערינט איין פאטער איז מחויב זיין קינד מלי זיין און צו אוים לייזון אים אז ער איז איין בכור און דארף אים לאזין תורה לערנין און ער מוז אים איין ווייב געבין · און די רעכטע צייט וואס איז ראוי איין ווייב צו נעמין איז צום בעסטן ער זאל מקדים זיין וויא ווייט ער קען איי דער יצה״ר שטארקט זיך אויף אים אזו וויא מיר לערנן אין דער גמרא רב חסדא הט גלויבט צו רב הונא דם רב המנונא דאס ער איז איין גרויסר תלמיד חכם · הט רב הונא צו אים גזאגט ווען רב המנונא וועט קומין צו דיר זאלסטו אים ברענגן צו מיר · וויא רב המנונא איז גקומן צו רב הונא הט ער גזעהן דם רב המנונא גייט נוט אין קיין מאנטל האט ער אים גפרעגט ווארום גייסטו נוט און קיין מאנטל הט ער גזאגט צו אים איך האב נאך קיין ווייב נוט גנומן · און דער סדר איז גוועזן דאס דער וואס האט קיין ווייב נוט גנומן איז און קיין מאנטל ניט גגאנגן · הט רב הונא צו אים גזאגט דו זאלסט מיין פנים נוט קומין זעהן ביז דו וועסט איין ווייב נעמין · דען אזו האט גלערנט רבי ישמעאל דאס ביז צוואנציג יאר זיצט גאט און האפט צום מענשן דאס ער וועט איין ווייב נעמין און אז ער ווערט אלט צוואנציג יאר און נעמט קיין ווייב נוט זאגט גאט פר שאלטן זאלין זיין די ביינר פון דעם מענשן · רב חסדא הט גזאגט דם וואס איך בין בעסר פון מיינע חברים איז וייל איך האב צו זעכצן יאר איין ווייב גנומן · און ווען איך זאל גוועזן נעמין איין ווייב צו פערצן יאר אזו וואלט איך גזאגט צום יצר הרע איין פייל זאל זיין אין דיינע אוגן דען איך וואלט גאר פר אים קיין מורא נוט גהאט · אויך זאגן מיר אין דר גמרא רבי יוסי הט גזאגט צו אליהו עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט איך וועל דעם מענשן איין הילף בשאפן מוט וואס העלפט דען דאס ווייב דעם מענשן הט אליהו צו אים גזאגט ווען איין מענש ברענגט ווייץ פון דעם מארק קען ער דען די ווייץ קייען דען מען מוז נאך פיל טרחה האבין דם מען זאל דער פון ברוט באקון און ווען איינר ברענגט אהיים פלאקס קען ער דען דאס פלאקס אן קליידן דען מען

# קיצור מנורת המאור פ״א ב

מוז דאך פול טרחה האבן איי מען מאכט דר פון קליידר אונ די אלע זאכן מוט דם ווייב דרום ווערט געפינן דאס דם ווייב העלפט דעם מענשן אונ דר לייכט זיינע אוגן אונ מאכט אום שטיין אויף זיין פוס · (וגרסינן בפרק ערבי פסחים) אוך לערנן מיר אונ פרק ערבי פסחים די רבנים האבן גלערנט אכט זענן גליך וויא מען הט זיי אונ הוטיל מנדה געווען אונ דם זענן זיי דער וואס הט קיין ווייב נוט · אונ דער וואס הט אווייב אונ הט פון איר קיין קינדר נוט אונ גוט איר קיין גט נוט · אונ דר וואס האט זין אונ אוז זיי נוט מגדל לתלמוד תורה · אונ דער וואס לייגט קיין תפילין נוט אויף זיין קאפ אונ אויף זיין האנט · אונ דער וואס הט נוט קיין ציצית אונ זיין קלייד · אונ דער וואס הט נוט קיין מזוזה אונ זיין טיר · אונ דער זיט הט גיט קיין שוך אויף זיינע פוס אונ איין טייל זאגן ווען איינער ווערט גערופן אויף איין סעודת מצוה אונ גייט נוט דער איז אוך גליך וויא מנודה לשמים דרום זאל דר מענש אייל אין ווייב צו נעמן אונ זיין יוגענט איי ער קומט לידי הרהור · (ואם זכה לאשה טובה) אונ ווען דר מענש איז זוכה איין גוט ווייב צו בקומן אונ זי שטארבט ביי זיין לעבן איז דאס געווען פון ווענן זיינע עבירות איזו וויא מיר לערנען אונ מסכת שבת רבי יוחנן זאגט איין מענשנס ווייב שטארבט מיין נוט נאר ווען ער הט איין גדר גוטון אונ הט גיט צו בצאלון · אויך זאגן מיר אונ מסכת סנהדרין איין מאן שטארבט קיינום נוט אפ נאר דעם ווייב אונ דאס ווייב · שטארבט קיינם נוט אפ נאר דעם מאן · איזו וויא אונ פסוק שטייט דאס יעקב הט גזאגט רחל איז מיר אפ געשטארבן · אויך זאגן מיר אונ דער גמרא רבי יוחנן זאגט איטלעכר מענש וואס זיין ערשט ווייב שטארבט אום איז עס גליך צו אום וויא דר בית המקדש איז חרוב געווארן אונ זיינע ציטן : (והזיווג השני) אונ דאס אנדערע ווייב קריגט דער מענש נאך זיינע מעשים נאך · ווען ער איז גוט קריגט ער איין גוט ווייב אונ ווען ער איז ביוז קריגט ער איין ביוז ווייב :

פרק ב (כשהאדם רוצה לזרוע זרעונין) ווען איין מענש וויל זייען זאמן אונ פעלד · איזו זוכט ער דם בעסטע פעלד וום ער קאן געפינן אונ קופט עס פר פול געלד כדי גוטע תבואה זאל דרויף וואקסן · נוא ווען דר מענש טוט עס פון ווענן צו האבן גוטע תבואה צו עסן אודר צו פר קופון · מכל שכן אז דער מענש דארף זעהן אז די זאמן וואס קומון פון אים ארוס זאלון גוט זיין · דאס הייסט ער זאל האבן פרומע קינדר אונ ער זאל נעמון אפרום ווייב וואס זי ווייסט אירע קינדר צו שטראפן דאס זיי זאלון פרום זיין אונ זאלן זיך אפ לערנן פון איר נאטור אונ פון

אירע

אירע מ״ות טובות דס זיי זאלן אויך גוט זיין · און ווייל צום מיינסטן איז דיא טאכטער גלייך און אורו מעשים צו איר פאטער דרום זאל דער מענש טין נאך מעגליכקייט צו נעמון איין בת תלמיד חכם אזו וויא מיר לערנן און מסכת פסחים דו רבנים האבון גלערנט אייביג זאל איין מענש פר קופון אלץ וואס ער הט און זאל נעמון איין בת תלמיד חכם כדי אז ער וועט שטארבן אודר ער וועט פר טריבן ווערן פון זיינע קינדר וועלן זייא דאך זיין תלמידי חכמים און ער זאל נוט נעמון איין בת עם הארץ ווען אז ער וועט שטארבן אודר ער וועט פר טריבן ווערן פון זיינע קינדר וועלן זיי זיין עמי הארצים און אייביג זאל דער מענש מאכון נעמון זיין טאכטער צו איין תלמיד חכם · און ווען ער געפינט נוט קיין בת תלמיד חכם זאל ער נעמון איין טאכטער פון די חשובים פון דעם דור דס זענן די פרומע לייט און ווען ער געפינט אזעלכע אויך נוט זאל ער נעמון איין טאכטער פון איין גבאי צדקה דען מען זעצט נוט קיין גבאי צדקה סיידן ער איז איין פרומער מאן · אבר ער זאל נוט נעמון קיין בת עם הארץ דען זייא זענן פר אומ ווערדיגט און זייערע ווייבר זענון אויך פר אומ ווערדיגט און אויך זייערע טעכטר איז גזאגט פר שאלטן זאל זיין דער מענש וואס ליגט מוט איין בהמה דען זיי האבון קיין שכל נוט אזו וויא איין בהמה און האבון קיין בושה און קיין צניעות נוט אזו וויא איין בהמה און ווען ער נעמט איין בת תלמיד חכם איז ער פר זיכרט דס די תורה וועט נוט אויף הערן פון זייני קינדר אזו וויא מיר לערנן און מסכת יומא רבי ברכיה זאגט ווען איין מענש זייהט דס די תורה הערט אויף פון זיינע קינדר זאל ער נעמון איין בת תלמיד חכם אזו וויא און פסוק שטייט ווען דר מענש זעהט דאס זיין שורש ווערט פר עלטרט און דער ערד און אין דר ערד שטארבט זיין ווארצל זאל ער גוסן וואסר אונטר דעם בום וועט ער ווידר בליען און איין גוזר שניט וועט קומון נאך דעם גוטן פלאנצונג נאך דס איז גמיינט ווען דער מענש זעהט דאס דוא תורה הערט אויף פון זיינע קינדר זאל ער זיך בהעפטן צו די תלמידי חכמים דס ער זאל זוך מוט זיי משדך זיין דען וועט די תורה נוט אויף הערן פון זיינע קינדר און וועט ווידר בליען און שפראצון · אויך זאגן מור און פרק אלו עוברים רבי מאיר זאגט ווער וואס גוט זיין טאכטר צו איין עם הארץ איז גלייך וויא ער בונד זו און לייגט זיא פר איין לייב דען אזו וויא איין לייב איז דורס איין לעבדיגע זאך און עסט עס באלד און שעמט זוך נוט אזו אויך איין עם הארץ שלאגט דס ווייב און לוגט באלד מוט איר און שעמט זוך נוט · (והמשיא בתו לתלמיד חכם)

און

אונ ווער עס מאכט געמון זיין טאכטער צו איין תלמיד חכם אוז עס צו אים גליך וויא ער בהעפט זיך אונ דר שכינה · אונ דער וואס אוז מהנה דעם תלמיד חכם פון זיין געלד אוז גליך וויא ער באהעפט זיך אונ דער שכינה · אונ יעדר מענש זאל זיך משתדל זיין צו נעמון איין וויב פון איין גוטר משפחה אונ ער זאל בודק זיין אונ אור פאטר אונ מוטר אונ אין אירע ברודר ווארון די קינדר גיראטן אוז וויא דער מוטערס ברודר · (והאשה משובחת במדות טובות) אונ די אשה וואס זי אוז גלובט מיט גוטע מדות אונ איז איין גאטס פארכטיגע אונ אזו איין אשה זאל דר מענש אום דער ווילון וואס זי אוז שיין מיט אורו מעשים אונ ער זאל נוט קוקון אויף דער שיינקייט פון אור הויט · אזו וויא אונ פסוק שטייט עס אוז פאלש דער חן פון איין אשה מען זאל זי לובון דר מיט אונ עס אוז נארוש דאס שיינקייט נייארט איין גאטס פארכטיגע אשה די ווערט גלובט :

פרק ג (כשם שמתפלל האדם לאלהיו) אזו וואל וויא איין מענש טוט תפלה צו גאט דאס ער זאל אום אן ברייטן זיין בדערפניש אונ זאל אום מציל זיין פון אלע צרות · אזו זאל ער בעטן צו זיין גאט ער זאל אום צו שוקון איין גוט וויב וואס זי אוז בכשרות אונ זאל מיט אום בשלום לעבון אזו וויא מהר לערנן אונ מסכת ברכות · אונ ארץ ישראל ווען אמענש הט גענומן איין וויב הט מען אום גפרעגט מצא או מוצא · מצא אוז גמיינט צו האסטו איין גוט וויב בקומון אזו וויא אונ פסוק שטייט מצא אשה מצא טוב ווער עס גפינט איין גוט וויב דער גפינט גוטס אודר מוצא זו הט איין שלעכט וויב בקומון אזו וויא אנ פסוק שטייט ומוצא אני מר ממות את האשה איך געפון איין זאך וואס אוז ביטרר פון דעם טוט דאס אוז איין שלעכט וויב · אויך זאגט די גמרא רבא זאגט איין שלעכט וויב אוז איין מצוה צו מגרש זיין אזו וויא אונ פסוק שטייט פר טרייב דעם שופעטר אונ לאז ארוס גיין דער קריגר דאס אוז גמיינט איין שלעכט וויב · רבי חנינא זאגט עס שטייט אונ פסוק (כל ימי עני רעים) אלע טעג פון דעם ארימאן זענון שלעכט · דס אוז גמיינט דער וואס האט איין שלעכט וויב דער הט אלע זיינע טעג בייז (וטוב לב משתה תמיד) אונ דער וואס האט איין גוט הארץ דער האט אלע צייט איין סעודה · דס אוז גמיינט דער וואס הט איין גוט וויב דער הט איין גוט געמיט גליך וויא ער האט תמיד איין סעודה · אונ האטשו די חכמים האבון גזאגט דאס ווען דר מענש אוז נאך אין די גדערם פון זיין מוטער ווערט אויף דעם הומול אוים גערופן דעם מענשנס טאכטער זאל זיין צו דעם מענשנס זון · פון דעסטוועגן זאל דער

מענש

מענש זוך נוט פר מיידן פון תפלה צו טון דרוף דען טאמר האבן דיא עבירות גורם גוועזן דס מען וועט אום געבן איין ווייב נאך זיינע מעשים נאך אזו וויא מיר לערנן אונ מסכת סוטה מען גוט קיין מענשן קיין ווייב נוט גאר נאך זיינע מעשים נאך · אינ ווען עס טרעפט זוך דאס איין צדיק ווערט גשטרובלט מוט איין שלעכט ווייב דאס אוז פון דיא יסורים וואס גאט שוקט צו די צדיקים אוף דער וועלט כדי זייא זאלן אפ קומן דער מוט אונ זאלן יארשנן עולם הבא בשלמות אונ גלובט אוז גאט וואס ער ווייסט צו טון דעם מענשן אלין לטובה :

פרק ד (אע"פ שהאשה היא בת זוגו של אדם) חאטשו איין אשה אוז דעם מענשנס בת זוג זאל זו דאך דעם מאן נוט האלטן אונ אירע אוגן וויא איין חבר נאר וויא איין האר אונ דרוף האט דוד המלך גזאגט ער אוז דיין האר אונ דו זאלסט זוך צו אום בוקן · אונ די אשה זאל איר מאן ליב האבן אונ ער זאל איבר איר גוועלטיגן אזו וויא אינ פסוק שטייט צו דיין מאן זאל זיין דיין גליסטן אונ ער זאל איבר דיר גוועלטיגן אונ ווען זו וועט איר מאן האלטן פר איין האר וועט ער זו ליב האבן · אונ זוא וועט זיין אונ זיינע אוגון וויא איין שוועסטר אזו וויא מיר געפינן ביי שרה דס זו הט איר מאן גערופן האר אזו וויא אונ פסוק שטייט דאס שרה הט גזאגט אונ מיין האר אוז אלט אונ ער הט גזאגט אונ מצרים זוא אוז מיין שוועסטר אונ ווען זו וועט וויינוג ריידן נאר וואס זו דארף וועט זו נאך מער גליבט זיין אויף איר מאן אונ ווען זו וועט פר אום ריידן מוט חן אונ מוט ענוה אונ זיא וועט איר בדערפניש בעטן פון אום מוט שפלות אזו וועט זו זייער טייער אונ ערליך זיין אונ זיינע אוגון אויך זאגן מיר אונ מדרש דס איין קלוגע אשה הט גבעטן צו איר טאכטר ווען זו האט זו גפירט אונ איר מאנס הויז אונ הט גזאגט צו איר מיין טאכטר די זאלסט שטיין פר דיין מאן אזו וויא פר איין מלך אונ זאלסט אום באדינן · אונ ווען די וועסט זיין צו אום אזו וויא איין דינסט וועט ער זיין צו דיר אזו וויא איין קנעכט אונ וועט דיר כבוד אן טון אזו וויא צו איין הארינטע · אובר ווען די וועסט דיך גרוס האלטן איבר אום וועט ער מוט גוואלד זיין צו דיר פר איין האר אונ די וועסט דענסטמאל זיין מבוזה אונ זיינע אוגון אזו וויא איין דינסט אונ די זאלסט דיין מאן שיין צורון אונ זאלסט אום בשיינן צווישן זיינע חבירים אונ ווען עס וועט קומן צו אום איין גאסט פון זיינע קרובים אודר פון זיינע ליב האבר זאלסטו זיי אן נעמון מוט איין שיין פריילך פנים אונ זאלסט אום געבן געלד צו מכבד זיין זיי מיין וויא מען דארף כדי דאס דיין מאן זאל גערליבט ווערין

אונ

# קיצור מנורת המאור פ״ד ה

און זייערע אויגן און די זאלבט היטן זיין הויז און אלין וואס ער האט און דורך דעם וועטשו חן האבין אין זיינע אויגן און וועט זיין די קרוין פון דיין מאן אזו וויא אין פסוק שטייט איין אשת חיל איז זיא קרון פון איר מאן. (ולעולם ישתדל האשה) און איבוג זאל זוך די אשה משתדל זיין צו טאון איין מלאכה אין איר הויז כדי זו זאל ניט זיצן ליידיג דען דאס ליידיקייט ברענגט דעם מענשן צו שגעון און מוט דעם ווערט איין אשת חיל גלובט׳ אויך לערנן מיר אין מסכת כתובות דאס וועגן די מלאכות וואס איין ווייב דארף טון צו איר מאן זוא מוז מאלון מוט איין האנט מיהל אין דארף ברוט באקון און דארף וואשן און דארף קאכן און דארף דאס קינד זייגן און דארף דם בעט צו בעטון און דארף וואל שפינון׳ (וגם יזהר שלא תקללנו) אויך זאל דער מענש נזהר זיין ער זאל נוט גורם זיין דאס דאס ווייב זאל אום שעלטן כדי זיי זאלון נוט קימון צו עניות אזו וויא מיר לערנן אין מסכת שבת רבי אמי זאגט דרייא זאכון ברענגן דעם מענשן צו עניות און דם זענן זייא׳ דער וואס איז משתין פר זיין בעט נאקוטר הייט און פולט זוך ארום גיין משתין צו זיין׳ און דער וואס איז מזלזל און נטילת ידים׳ און ווען דאס ווייב שעלט אום פר זיינע אויגן׳ (גם תזדהר להיות צנועה) אוך זאל זוא זייער נזהר זיין דאס זו זאל זיין איין צנועה אין איר הויז אפילו פר איר מאן כדי זוא זאל ניט נמאס ווערן אין זיינע אויגן אזו וויא מיר לערנן אין מסכת שבת׳ און וואל דעם מענשן וואס ער איז זוכה איין גוט ווייב צו האבן וואס זו איז איין אשה צנועה און איין יראת שמים:

פרק ז (גדולה מצוה זאת) די מצוה פון הכנסת אורחים איז זייער גרויס דאס אברהם אבינו האט אן גוהובין די מצוה צו האלטן׳ אזו וויא מיר לערנן אין בראשית רבה דאס אברהם הט יעדון אורח געגעבן עסן און טרונקן און ווי זיי האבון אפ גגעסן הט ער צו זיי גזאגט לובט גאט׳ האבן זייא צו אום גזאגט וואס זאלון מיר זאגון׳ הט ער צו זייא גזאגט זאגט גלובט איז גאט פון דער וועלט וואס מיר האבן פון זיינם גגעסין׳ און ווען די אורחים קומון און זיין הוז זאל ער זייא צו נעמון מוט איין שיין פנים

זיין

# קיצור מנורת המאור פ״ז

אין זאל תיכף פר זייא שטעלן עסן דען טאמר איז דער ארימאן הונגעריג אונ שעמט זיך צו בעטן עסין · דרום זאל ער אים תיכף געבן זיין ברוט אונ זיין וואסר מיט איין לעבטיג אונ איין פרייליך פנים אונ זאל זיי טרייסטן מיט גוטע רייד אונ דער מיט וועט ער דער קוויקן זייער לייב · אונ ער זאל פר זייא נוט דער ציילן זיין צער דען ער וועט דער מיט צו ברעכן זייער גמיט דאס זייא וועלין מיינין דם ער זאגט עס כדי זיי זאלין נוט עסן אונ עס קען זיין דאס דורך דעם וועט ער קיין שכר נוט האבין אוף דער מצוה ווייל ער איז די אורחים מצער · אונ ווען די אורחים וועלין ביי אים איבר נעכטיגן · זאל ער זיי לייגן אונ זיין בעסטן בעט וויא עס איז ראוי צו זייער כבוד נאך · דען עס איז גרוס דם רואונג פר דעם מידן מענשן ווען ער לייגט אוף איין גלעגר אונ ער מוט אים מיין נחת רוח אן דר וואס לייגט אים אוף איין גוט גלעגר מיין וויא ער גוט אים עסן אונ טרונקן · אונ ווען זיי גייאן פון אים אוועק זאל ער זיי בלייטן אונ זאל זיי ברוט מיט געבן אויף דעם וועג · (והמעלים עיניו מהכנסת אורחים) אונ דר וואס פר הולט זיינע אוגן פון הכנסת אורחים דער האט איין גרוסן עונש אזו וויא מיר לערנן אונ פרק חלק · רבי יוחנן זאגט עס איז גרוס דער שכר וואס מען גוט לייטין עסין דען ווייל צוויא אומות האבן די ישראל קיין עסן נוט געגעבן זענין זיי דער ווייטרט גווארן פון ישראל דאס די תורה האט פר באטן זייא זאלין נוט קימן אונ קהל אריין אזו וויא אונ פסוק שטייט עמון אונ מואב זאלין נוט קימן אונ קהל אריין ווייל זי א האבון אייך נוט גפעדרט מיט ברוט אונ מיט וואסר · אונ עס איז גרוס דער שכר פון הכנסת אורחים אזו וויא מיר לערנן אונ מסכת שבת רבי יוחנן זאגט זעקס מצות זענין דא דם דר מענש עסט די פירות פון זייא אויף דער וועלט אונ דאס קרן בלייבט אים שטיין לעולם הבא אונ דאס זענין זיי הכנסת אורחים אונ ביקור חולים אונ ווען ער טוט תפלה בכוונה אונ ווען ער גייט פריא אונ בית המדרש אריין אונ ווען ער איז זיינע קינדר מגדל לתלמיד תורה · אונ ווען ער איז דן זיין חבר לכף זכות אונ דם וואס דער מענש גוט איין ארימאן עסן אויף זיין טיש ווערט עס אים גרעכנט גלייך וויא ער הט איין קרבן מקריב גוועזן אוף דעם מזבח · אונ איוד וואס קען לערנן איז אוודאי אגרוסע מצוה מען זאל אים מהנה זיין אזו וויא מיר לערנן אונ מסכת ברכות רבי יוסי בר חנינא זאגט ווער עס איז מאכח איין תלמיד חכם אונ זיין הויז אונ גוט אים עסן אונ טרונקן אונ איז אים מהנה פון זיין געלד שרייבט אוף אים דער פסוק גלייך וויא ער הט מקריב גוועזן איין קרבן תמיד · (וגרסינן נמי) אוך לערנן

מיר

מיר אונ פרק אין עומדין אונ אין פרק חלק רבי חייא בר אבא האט גזאגט פון וועגין רבי יוחנן אלע נביאים וואס האבין נביאות גזאגט גוטס אויף ישראל האבין זייא נאר נביאות גזאגט אויף דעם וואס מאכט זיין טאכטער חתונה צו איין תלמיד חכם אונ דער וואס האנדעלט סחורה מיט דעם געלד פון איין תלמיד חכם כדי דער תלמיד חכם זאל דער פון פרנסה האבין אבר דו תלמידי חכמים אליין וואס פר איין שכר זייא וועלין האבין האט קיין אונ פון קיין נביא נוט געזעהן נאר גאט אליין ווייסט וואס פר איין גוטס זייא וועלין האבין :

פרק ה (כל הלבבות דורש ה׳) אלע הערצער פארשט גאט אונ ער זעהט פון איטליכן מענש זיין הארץ אונ זיין ערינסטע כוונה · אונ אזו וואל וויא אונ דער צייט וואס דער בית המקדש איז געשטאנן האט גאט אן גנומן דאס ביסל מעל וואס דער ארימאן הט גבראכט גליך וויא דז רינד וואס דער עושר הט גבראכט אזו אויך היינט דם דער בית המקדש איז חרוב געווארן נעמט גאט אן דוא פרוטה וואס דער ארימאן גיט צדקה גליך וויא דיא הונדערט גולדן וואס דער עושר גיט צדקה · אונ סיא ער נוט פיל אונ סייא ער גוט ווייניג איז אלץ גוט נאר ער זאל זיין הארץ הבין זיין צוגאט · אונ דורך איין קליינע מתנה איז דער מענש זוכה מקבל פני השכינה צו זיין · אזו וויא מיר לערנן אונ מסכת בבא בתרא רבי דוסתאי בר ינאי הט גדרשנט קום אונ זעה דאס נוט אזו וויא די מדה פון אמענשן איז די מדה פון גאט דען דוא מדה פון אמענשן איז ווען איינר ברענגט אמתנה צו אמלך איז איין ספק אוב מען וועט עס מקבל זיין פון אים אודר נוט אונ ווען מען וועט עס שון מקבל זיין פון אים איז נאך אספק אוב ער וועט זעהין דעם מלך אודר נוט · אבר גאט איז נוט אזו דען ווען אמענש גיט איין פרוטה צו איין ארימאן איז ער זוכה מקבל פני השכינה צו זיין · אזו וויא אונ פסוק שטייט דורך דיא צדקה וואס איך גיב וועל איך זוכה זיין צו זעהן דיין שכינה · רבי אליעזר האט פריער איין פרוטה גגעבן צו איין ארימאן אונ דער נאך האט ער תפלה גוטון דען ער הט גזאגט עס שטייט אונ פסוק (אני בצדק אחזה פניך) מיט צדקה טוא איך קומן צו זעהן דיין פנים תפלה צו טון פר דיר · (ואפילו עני המתפרנס מן הצדקה) אונ אפילו דר ארימאן וואס ווערט גשפייזט פון דער צדקה מוז ער דער פון אויך צדקה געבין אזו וויא מיר לערנן אונ מסכת גיטין : רב עוירא הט גדרשת אזו זאגט גאט ווען דער מענש זעהט דם זיין פרנסה איז מצומצם זאל ער צדקה געבין מכל שכן ווען ער זעהט דאס ער האט פיל געלד זאל ער פשיטא צדקה געבין · מען האט גלערנט אונ דער ישיבה פון רבי ישמעאל

איטליבער

איטליכער וואס שערט אפ זיינע גיטר אונ גיט פון זיי צדקה וועט ער דורך פארן דורך דו שטראף פון דעם גיהנם אונ וועט פון זיי ניצול ווערין עס איז איין משל צו צוויא שאף וואס שווימן דורך איין וואסר איינע איז אפ גשערין אונ איינע איז ניט אפ גשערין · דו וואס איז אפ גשערין קען גרינג דורך שווימן די וואסר אונ דוא וואס איז ניט אפ גשערין קען ניט דורך שווימן די וואסר · אזו אויך דער וואס שערט אפ זיינע נכסים אונ גיט פון זייא צדקה דער וועט דורך שווימן די שטראף פון דעם גיהנם אונ דער וואס שערט ניט אפ זיינע נכסים דער קען די שטראף ניט דורך שווימן · רב יוסף הט גלערנט דם דורך דעם זכות פון צדקה ווערט דער מענש ניציל פון עניות וואס דאס איז שווערר פון אלע מכות פון דער וועלט אזו וויא מיר לערנן אונ מסכת בבא בתרא רבי פנחס בר חמא הט גדרשת עס איז שווערר דאס עניות אינ דעם הויז פון איין מענשן מיין פון פופציג מכות · אונ ווער עס איז איין עושר איז מחויב צו געבין צדקה נאך זיין פר מעגין נאך אזו וויא מיר לערנן אין מסכת כלה מען הט גזאגט אויף רבי טרפון דאס ער איז גוועזן אגרויסער עושר אונ הט אלע זיינע טעג ניט פיל צדקה גגעבן איין מאל הט אונז רבי עקיבא גפינן אונ האט גזאגט צו אים ווילסטו האבון דאס איך זאל דיר קופין איין שטאט אודר צווייא הט רבי טרפון גזאגט יוא אונ הט אים גבראכט פיר טויזנט רענדלך ער זאל אים איין שטאט קופין הט רבי עקיבא דאס געלד גענומון אונ הט עס צו טיילט צו עניים אונ עטליכע טעג ארום הט רבי טרפון אים גפינן אונ האט גזאגט צו אים וויא איז די שטאט וואס די האסט מיר גקופט הט רבי עקיבא אים גזאגט איך האב דיר אבעסרע זאך גקופט וויא אשטאט איך האב דם געלד צדקה צו טיילט אונ דאס בלייבט אויף אייביג · האט רבי טרפון צו אים גזאגט ווארום האסטו מיין געלד אוועק גגעבן גוב איך דען ניט אליין קיין צדקה · האט רבי עקיבא צו אים גזאגט ווייסטו דען ניט דם נקדימון בן גריון ווען ער איז ארום גגאנגן פון זיין הויז אינ בית המדרש הט מען אים אונטר גשפרייט זיידנע קליידר אונ דיא ארימע לייט זענון גקומון אונ האבון עס צו גענומן אונ פון דעסט וועגן וויל ער הט ניט גוטון וויא ער הט גדארפט טון נאך זיין פר מעגן נאך איז ער גשטראפט גווארן דאס זיין געלד הט קיין בשטאנד ניט גהאט אונ זיינע קינדר זענון ארום גווארן האב איך עס דרום גוטון כדי דוא זאלסט ניט גשטראפט ווערון · הט רבי טרפון צו אים גזאגט ווארום האסטו עס מיר ניט גזאגט דאס איך זאל דיר דאס געלד געבין מיט מיין ווילן · הט רבי עקיבא צו אים גזאגט וואס האדט עס דיך אויך האב דאך דם גוטס

פון

פון דיין געלד גישון גייארט אויך האב גיוואלט דעם שכר האבין וואס אויך האב גורם גיוועזן דער צו דאס די זאלסטו צדקה געבין דען אויך זאג דער וואס מאכט דאס זיין חבר זאל איין מצוה טון הט ער איין גרעסרן שכר פון דעם וואס טוט די מצוה · אונ דר וואס גיט נוט קיין צדקה נאך זיין פר מעגין נאך ווערט ער גישטראפט אזו וויא מיר האבין גלערנט אינ מסכת כתובות עס איז גיוועזן איין מעשה מיט רבי יוחנן בן זכאי דאס ער הט גריטן אויף איין אייזעל אונ איז ארוס גיגאנגן פון ירושלים אונ זיינע תלמידים זענן גיגאנגן אינטר אום האט רבי יוחנן גיזעהן דס איין אשה הט גערשטן גיקליבן וויא זי הט דר זעהן רבי יוחנן האט זי זיך באדעקט די האר אונ הט זיך גישטעלט פר רבי יוחנן אונ הט גיזאגט צו אים רבי זייא מיך מפרנס האט רבי יוחנן זי גיפרעגט וועמנס טאכטר ביסטו האט זי גיזאגט איך בין דיא טאכטר פון נקדימון בן גריון האט ער צו איר גיזאגט וויא איז אהין גקומן דאס געלד וואס דיין פאטר הט דיר גיגעבן · האט זי גיזאגט רבי פלעגט מען דען נוט אזו איין משל זאגן אונ ירושלים דער וואס וויל זיין געלד איין זאלצן דאס עס זאל איין בשטאנד האבין מוז ער צדקה געבין ווייל דם געלד איין בשטאנד האבין אונ מיין פאטר האט נוט גיגעבן צדקה נאך זיין פר מעגן נאך איז דאס געלד דרום אוועק גקומן · הט ער זי גיפרעגט וויא איז דם געלד וואס דיין שווער הט צו דיין מאן גיגעבן האט זי גיזאגט עס איז גקומן דאס געלד פון מיין פאטר אונ הט גימאכט פר לורן מיין שווערס געלד · הט זיא גיזאגט רבי גידענקסטו אז די האסט דיך גחתמת אויף מיין כתובה הט ער גיזאגט צו זייגע תלמידים איך גידענק אז איך האב מיך גחתמת אויף איר כתובה אונ זוא האט גהאט גרן טויזענד מאל טויזענד רענדליך · האט רבי יוחנן בן זכאי גיוויינט אונ הט גיזאגט וואל אייך ישראל דאס אונ דער צייט וואס איר טוט נאטס ווילן הט קיין אומה קיין שלוטה נוט איבר אייך אונ אין דער צייט וואס איר טוט נוט גאטס ווילן ענטפרט אייך גאט איבר אונ דר האנד פון איין אומה שפלה אונ נוט אונ דער האנד פון דר אומה שפלה אליין נייארט אפילו אונ די הענט פון די בהמות פון איין אומה שפלה אזו וויא די אשה הט גערשטן גקליבן פון צווישן די פיס פון די בהמות פון די ערביים דאס זיי זענין איין אומה שפלה · אזו וויא רבי יהודה בר שלום הט גדרשת אזו ואל וויא עס ווערט אפ גזעצט פון איין ראש השנה צום אנדרן וואס דר מענש זאל פר דינן דאס יאר אויף מזונות אזו אויך ווערט אפ גזעצט פון איין ראש השנה צום אנדרן דאס וואס ער דארף דם יאר היזק האבין ווען ער איז זוכה גייט עס ביי אום אוועק אויף א רימע לייט אונ ווען ער איז נוט זוכה גייט

עס

עם מוט צרות אוועק אונ ער מוז עס פר לורן · רבן יוחנן בן זכאי האט
געזעהן אונ חלום דס זיינע שוועסטרס דארפן דס יאר היזק האבן זובין הונדרט
גולדן הט ער זיי גענייט אונ הט פון זיי גענומן צדקה אוז ביי זיי איבר גבליבן
זיבצן גולדן וואס זיי האבן עס נאך נוט אוועק געבן וויא עס אוז גקומן
ערב יום כיפור הט דער מלך גשיקט אונ האט ביי זיי אוועק גענומן זיבצן
גולדן האט רבי יוחנן צו זיי גזאגט האט קיין מורא נוט ער וועט מיין נוט
נעמון ביי אייך דען איך האב צו אייך געזעהן אונ חלום דאס איר דארפט דס
יאר היזק האבן זובין הונדרט גולדן האב איך גמאכט דס איר הט זיי צדקה
אוועק געבן נאר זיבצן גולדן אוז איבר גבליבן ביי אייך דאס הט דער מלך
ביי אייך אוועק גענומן די זיבצן גולדן · אונ די גרעסטע צדקה אוז ווען
ער גוט תבואה צו עניים אונ יארון פון הונגער דען די ארימע לייט ווענען
הונגעריג אונ דוא תבואה אוז טייאר אונ אזו איין צדקה בלייבט שטיין בוז
אייבוג אזו וויא מיר לערנן אונ דער גמרא די רבנים האבן גלערנט עס אוז
געווען איין מעשה מוט מונבז המלך דאס ער האט צו טיילט זיינע אוצרות
אונ די אוצרות פון זיינע עלטרן אונ יארון פון הונגער האבן זיינע ברודר
גזאגט צו אום דיינע עלטרן האבן בהאלטן אוצרות אונ האבן נאך גמערט
אויף די אוצרות פון זייערע עלטרן אונ די צו טיילסט דיינע אוצרות אונ די
אוצרות פון דיינע עלטרן · האט ער צו זייא גזאגט מיינע עלטערון האבון
בהאלטן אוצרות אונ אזו איין אורט וויא מען קען עס מוט דר האנד אוועק
נעמן אונ איך האב בהאלטן אוצרות אונ אזו איין אורט וויא מען קען עס
מוט דר האנט נוט אוועק נעמון אזו וויא אונ פסוק שטייט צדקה אונ משפט
זענון אן גברייט אונטער דעם כסא הכבוד · מיינע עלטרן האבון בהאלטן
געלד פון אנדערע וועגון וואס וועלון קומון נאך זייא אונ איך האב בהאלטן
פר מיר אליין אזו וויא אונ פסוק שטייט עס וועט גיין פר דיר דער זכות
פון דער צדקה :

פרק ט (כל המעלים עיניו מן הצדקה) איטליכר וואס פר הולט זיינע אוגן
פון דער צדקה טוט ער איין גרוסו עבירה אונ יעדר דארף וויסן
אז דאס וואס מען בעט פון הש״י פרנסה בעט מען אויך נאר צדקה · אונ
אז ער וויל הש״י זאל אום געבון צדקה דארף ער יענום אויך געבן צדקה
אזו וויא מיר לערנן אונ מסכת תענית מען הט גזאגט אוף נחום איש גם זו
דאס ער אוז געווען בלינד אוף זיינע ביידע אוגון אונ זיינע ביידע הענט זענן
אום געווען אפ גהאקט אונ אויך ביידע פוס אונ די פוס פון זיין בעט זענן
געשטאנן אונ בעקון מוט וואסר כדי קיין מילבן זאל נוט ארוף קריכן אוף

אום

אום דורך דוא פוס פון זיין בעט אונ ער וועט זייא נוט קענגן אראפ נעמן ווייל ער האט קיין הענט נוט · אמאל איז זיין בעט גשטאנן אונ איין אלט הויז וואס הט גוואלט איין פאלן האבין זיינע תלמידים גוואלט דאס בעט ארויס נעמן הט ער צו זיי גזאגט טראגט פריער ארויס די כלים פון דעם הויז אונ דער נאך מיין בעט דען איז לאנג וויא מיין בעט וועט שטיין אונ הויז וועט עס נוט איין פאלן האבן זיי איז גטון · אונ וויא זיי האבן דס בעט ארויס גטראגן איז דאס הויז איין גפאלן האבן די תלמידים צו אים גזאגט רבי ווען דו ביסט איז איין צדיק ווארום ביסטו איז גשטראפט גווארן מיט יסורים האט ער צו זייא גזאגט איך האב עס מיר אליין גורם גוועזן דען אמאל בין איך גגאנגן צו מיין שוועריס הויז אונ האב ביי מיר גהאט דרייא אייזלן וואס האבין גטראגן משא איין אייזל האט גטראגן עסן אונ איין אייזל האט גטראגן גטרענקן אונ איין אייזל הט גטראגן פירות · הט מיך באגעגנט איין מענש אונ הט צו מיר גזאגט רבי גיב מיר עסן האב איך צו אים גזאגט ווארט ביז איך וועל פון דעם אייזל אראפ נעמן וועל איך דיר געבין נאך דעם אז איך האב אראפ גנומן פון דעם אייזל האב איך אקוק גוטון האב איך אום געפינן דאס ער איז גשטארבן בין איך אויף אים גפאלן אונ האב גוויינט אונ האב גזאגט מיינע אוגון וואס האבן זיך איבר דיר נוט דר בארמט זאלין בלינד ווערין · מיינע הענט וואס האבון זיך איבר דיר נוט דר בארמט זאלון אפ גהאקט ווערין מיינע פיס וואס זענון נוט גלאפן צו אראפ נעמן עסן פון דעם אייזל זאלון אפ גהאקט ווערון איז אלין איז גווארן אונ מיין דיעה איז נאך נוט גקילט גווארן דען איך האב מורא גהאט דאס איך וועל דורך דעם עולם הבא אן ווערן ביז איך האב גזאגט נאר מיין גוף זאל הערן פיל מוט שחין איז מיר איז גווארן · האט רבי עקיבא צו אים גזאגט וויא מיר דאס איך זעה דיך לוגון אונ אזעלכע יסורים האט ער צו אים גזאגט וואל דיר דאס דו זעהסט מיך אזו דען ווען דו וואלסט מיך אזו נוט גזעהן וואלט מיין צדקה נוט גבליבן מיר לעולם הבא דען איך וואלט אלע מיינע זכיות אן גווארן דורך דער עבירה אבר היינט האב איך מקבל גוועזן מיין עונש אויף דער וועלט אונ מיינע זכיות זענן מיר גבליבן לעוה״ב אונ מען האט אים דרום גרופן נחום איש גם זו דען אלין וואס עס האט זיך אים גטראפן האט ער אלין גזאגט גם זו לטובה דאס איז אויך צו איין שובה · (והפוסקים צדקה ברבים) אונ די וואס זאגן צו צו געבין צדקה אונ געבין נוט די האבון איין גרוסע עבירה דאס זיי זענן גורם דאס הונגער קומט אויף דער וועלט אזו וויא מיר לערנן אונ מסכת תענית · אונ דער כח פון דעם

שכר

# קיצור מנורת המאור פ״ט י

שכר פון דער צדקה איז זייער גרויס אזו וויא מיר לערנן אינ דער גמרא רבי אבוהו זאגט מען הט גפרעגט צו שלמה המלך וויא וויט גייט דער כח פון דער צדקה האט ער צו זייא גזאגט גייט אונ זעהט וואס מיין פאטר דוד האט מפורש גוועזן אויף דער זאך (פזר נתן לאביונים וגו׳) ער האט פר שפרייט זיין געלד צו ארימע לייט אונ זיין זכות וועט בלייבן שטיין ביז אייביג:

פ״ק י (הצדקה מגינה גם כן בעולם הזה) די צדקה בשיצט אויך אויף דעם מענשן אויף דער וועלט צו מבטל זיין פון אים אלע גזירות׳ אונ איז אויך דעם מענשן מציל פון דעם טויט אונ פון איין מיתה משונה׳ אזו וויא מיר לערנן אונ מסכת ראש השנה׳ רב יצחק זאגט פיר זאכן צו רייסן דעם גזר דין פון איין מענשן אונ דאס זענן זיי צדקה׳ צעקה׳ שנוי השם׳ שנוי מעשה׳ צדקה ווען מען גיט צדקה שטייט אונ פסוק אונ די צדקה איז מציל פון דעם טויט׳ צעקה ווען מען שרייט אונ מען טוט תפלה שטייט אונ פסוק אונ זיי שרייאן צו גאט ווען עס איז זיי ענג אונ גאט טוט זיי פון זייערע ענגשאפט אויס ציהן׳ שנוי השם ווען מען גיט דעם מענשן איין אנדר נאמן ווערט זיין גזירה פר ענדרט דען עס שטייט אונ פסוק דאס גאט האט גזאגט צו אברהם דיין ווייב שרי זאל מער ניט הייסן שרי נייארט שרה זאל זיין איר נאמון שטייט וויטר אונ פסוק ווען זי וועט איין אנדר נאמון האבן וועל איך זי בענשן אונ וועל דור פון איר געבן איין זון׳ שנוי מעשה ווען דר מענש פר ענדערט זיינע מעשים פון בייזון צו גוטן קען ער זיין גזירה מבטל זיין׳ אויך געפינן מיר דאס די צדקה איז דעם מענשן מציל פון מיתה פון דר מעשה פון בנימין הצדיק אזו וויא מיר זאגן אונ מסכת בבא בתרא מען הט גזאגט אויף בנימין הצדיק דאס ער איז גוועזן גזעצט פר איין ממונה אויף דר פישקע פון צדקה איין מאל איז גקומון איין אשה אונ הט זיך גשטעלט פר אים אונ די יארון פון הונגער אונ הט צו אים גזאגט רבי זייא מיך מפרנס הט ער צו איר גזאגט דא שווער ייך דסעם איז גאר ניט דא אונ דר פישקע פון צדקה הט זי צו אים גזאגט רבי ווען די וועסט מיך ניט מפרנס זיין וועל איך מיט זיבון קינדר שטארבן פר הונגער הט ער זי מפרנס גוועזן פון זיין געלד נאך עטליכע טעג איז בנימין הצדיק שלאף גווארן אונ האט גזאלט שטארבן האבן די מלאכי השרת גזאגט פר הקב״ה רבונו של עולם די האסט גזאגט דער וואס האלט דאס לעבן פון איין מענשן איז גלייך וויא ער דער האלט די גאנצע וועלט אונ בנימין הצדיק הט דער האלטן איין אשה מיט זיבן קינדר ביי זייער לעבון זאל ער דען שטארבן אונ ווייניג יארן מען הט גלערנט

גלערנט דם מען האט אום גמערט אויף זיין לעבן צווי אונ צוואנציג יאר · (וגרסינן בבראשית רבה) אויך לערנן מיר אונ מדרש בראשית רבה דם רבי מאיר איז גקומן אונ איין שטאט הט ער גזעהן דאס אלע לייט פון דר שטאט זענן יונגע לייט אונ קיינר פון זיי הט גוט גהאט קיין גראי האר דען זיי אלע זענן יונג גשטארבן הט ער צו זיי גזאגט טאמר זענט איר פון דר משפחה פון עלי הכהן וואס אויף אום איז גזאגט דר פסוק גאר דאס דר ציהונג פון דיין הויז געזינד זאלן שטארבן יונגע לייט האבן זייא צו אים גזאגט טוא אויף אונז תפלה דם מיר זאלן לאנג לעבן האט רבי מאיר צו זייא גזאגט גיט צדקה וועט איר זיין אלטע לייט :

פרק יא (הצדקה שאדם נותן לפרנסת יתומים) די צדקה וואס איין מענש גיט יתומים צו שפייזן דם איז איין גרוסע מצוה וייל זייא זענן קליין אונ טרויריג אונ האבן נוט קיין פאטר דם ער זאל זיך איבר זייא דער בארימן · אונ מען איז חייב צו געבן זיי מזונות אונ צו חתונה מאכן זיי אונ איין יתומה איז פריער פר איין יתום · אזו ויא מיר לערנן אונ פרק מציאת האשה די רבנים האבן גלערנט ווען איין יתום אונ איין יתומה קומן צו גשפייזט ווערן שפייזט מען פריער די יתומה אונ דר נאך דעם יתום דען איין מאנזביל איז דר סדר דם ער זאל גיין אונ די הייזר אבר איין אשה איז ניט דער סדר דאס זי זאל גיין אונ די הייזער אונ ווען איין יתום מיט איין יתומה קומן חתונה צו האבן מאכט מען פריער חתונה דער יתומה אונ דר נאך דעם יתום דען דער ביוש פון איין אשה איז מין פון איין מאנזביל · (וגם מצינו) אויך געפינן מיר דאס די חסידים פון ישראל זענן זייער זהיר גוועזן אין דער צדקה פון איין יתום אונ איין יתומה אזו ויא מיר לערנן אונ פרק סדר תעניות אלו · ווען די גבאי צדקה פלעגן דר זעהן רבי אליעזר איש כפר ברתותא פלעגן זיי זיך בהאלטן פר אום דען אלץ וואס ער הט גהאט ביי זיך הט ער זיי אוועק גגעבן · איין מאל איז ער גגאנגן אונ מארק ארייַן צו קופן חתונה קליידר צו זיין טאכטר האבן אום די גבאי צדקה דער זעהן האבן זיי זיך בהאלטן פר אום איז ער זיי נאך גלאפן אונ האט זייא גפרעגט פיר וועמן גייט איר ארום געלד אום געמון האבן זיי גזאגט אויף איין יתום מיט איין יתומה חתונה צו מאכן האט ער גזאגט דא שווער אויך דאס זיי זענן פריער פר מיין טאכטר : הט ער גענומן גאר דם געלד וואס ער הט גהאט זיין טאכטר קליידר צו קופן אונ הט עם די גבאים אוועק גגעבן איז אום איבר גבליבן איין גולדן הט ער דר פר גקופט ווייץ אונ האט עם גלייגט אונ דעם חדר וואס מען פלעגט דארטן תבואה לייגן · איז גקומן

דיין ווייב אונ הט גזאגט צו דר טאכטער וואס הט דיר דיין פאטער געבראכט הט דא גזאגט אלץ וואס ער הט געבראכט האט ער עס געגעבן אונ דעם חדר וואס מען גיט דארטן תבואה׳ איז זו ארוף געגאנגן זעהן׳ האט זו געזעהן דאס דער חדר איז פול מיט ווייץ אונ עס האט זיך ארום געשיט ווייץ דורך דעם לאך פון דר טיר :

פרק יב (הנשים לפי שהן מצויות בבית) די ווייבר וויל זיי זענן אלע צייט אונ הויז זענען זיי מיין געוויינטליך צו טיילן צדקה צו עניים׳ אוך לערנן מיר אונ פרק סדר תעניות אלו אבא חלקיה איז געווען איין אייניקל פון חוני המעגל איין מאל הט די וועלט געדארפט רעגן האבן די רבנים צו אים געשיקט צוויי תלמידי חכמים דם ער זאל תפלה טון עס זאל גיין רעגן זענן די תלמידי חכמים געגאנגן צו אים אהיים אונ האבן אים ניט געפינען זענן זיי געגאנגן צו אים אונ פעלד האבן זיי אים געפינען דאס ער הט געגראבן אין פעלד האבן זיי אים שלום געגעבן אונ ער הט צו זיי זיין פנים ניט אום געקערט אונ הט זיי ניט געענפערט אוף דער נאכט האט ער האלץ אן געקליבן אונ הט דאס האלץ אוף איין אקסל געטראגן אונ דם קלייד האט ער אויף דעם אנדערן אקסל געטראגן׳ איין גאנצן וועג איז ער געגאנגן אן שוך וויא ער הט געדארפט איבר איין וואסר גיין הט ער די שוך אן גיטון׳ אונ וויא ער איז געקומן אונ איין אורט וואס דערנר וואקסן האט ער די קליידר אוף גיהובן אונ איז מיט דעם בלוסן לייב דורך געגאנגן אונ וויא ער איז געקומן אונ שטאט אריין איז אים זיין ווייב אקעגן געגאנגן אויס געצירט וויא ער איז געקומן צו זיין הויז הט ער פריער געלאזט זיין ווייב אריין גיין אונ דער נאך איז ער אריין געגאנגן אונ דר נאך זענן די רבנים אריין געגאנגן׳ הט ער זיך געזעצט עסן אונ הט די רבנים ניט גערופן עסן מיט זיך אונ ער הט דם ברויט צו טיילט צו זיינע קינדר אונ הט צו דעם עלטרן קינד נאר איין שטוק ברויט געגעבן אונ צו דעם קליינם קינד הט ער געגעבן צוויא שטיקר ברויט׳ דער נאך האט ער געזאגט צו זיין ווייב אוך וויים דאס די רבנים זענן געקומן פון וועגן רעגן לאמר אוף דעם בודם ארוף גיין תפלה טון דאס זיא זאלן ניט וויסן טאמר וועט גאט איבר געבעטן ווערן אונ עס וועט גיין רעגן הט ער זיך געשטעלט אונ איין ווינקעלי אונ דאס ווייב אונ דעם אנדרן ווינקעלי אונ האבן תפלה גיטון׳ הט אן געהובן איין וואלקן אוף צו גיין פון דעם ווינקעלי פון זיין ווייב אונ עס הט אן געהובן גיין רעגן איז ער אראפ געגאנגן פון דעם בודם אונ הט געזאגט צו זיי וואריום זענן די רבנים געקומן׳ האבן זיי געזאגט דיא רבנים האבן אונז געשיקט צו דיר דאס דו זאלסט תפלה טון עס זאל גיין

רעגן

רעגן · האט ער צו · זייא גזאגט גלויבט אונ גאט וואס ער האט אייך נוט גמאכט דארפן צו אבא חלקיה דאס איך זאל תפלה טון דען עס גייט שון רעגן אן מיר · האבן זיי צו אים גזאגט מיר וויסן וואל דאס דורך דיין תפלה גייט דער רעגן נאר זאג אונז די זאכן וואס מיר האבן גזעהן אונ האבן זיך אויך זיי פר וואונדערט פר וואס אז מיר האבן דיר שלום געגעבן האסטו צו אונז נוט אום גקערט דיין פנים אונ האסט אונז נוט געענפרט · האט ער צו זיי גזאגט איך האב מיך פר דינגען אויף דעם טאג צו ארבייטן האב איך נוט גוואלט מבטל זיין פון מיין ארבייט · האבן זיי אים ווידר גפרעגט פר וואס האסטו דאס האלץ גטראגן אויף איין אקסל אונ דם קלייד אויף דעם אנדערן אקסל דען עס וואלט בעסר גוועזן דו זאלסט גוועזן דאס קלייד אונטר לייגן אונטער דעם האלץ · האט ער צו זיי גזאגט איך האב דם קלייד געליגן אויף אן צו טון האט מען עס מיר אנטליגן אובר ניט איך זאל דרויף האלץ טראגן · האבן זייא אים גפרעגט ווארום האסטו דעם גאנצן וועג קיין שוך נוט אן גטון אונ אז דו האסט גדארפט איבר איין וואסר גיין האסטו דו שוך אן גטון אונ דער סדר איז דם איבר איין וואסר טוט מען אוס די שוך · האט ער צו זיי גזאגט דעם גאנצן וועג קען איך זעהן אוב עס ליגט דערנר אודר איין אנדערי זאך קאן איך מיך היטן דאס איך זאל נוט ניזוק ווערן אובר אונ וואסר קען איך נוט זעהן טאמר וועט מיך איין פיש אודר איין שלאנג בייסן דרום האב איך מיינע שוך אן גטון · האבן זיי אים גפרעגט פר וואס אז דו ביסט גקומן צו דערנר האסטו דיינע קליידר אויף גהויבן · האט ער צו זיי גזאגט ווען דיא דערנער וועלן מיין לייב צו רייסן וועט עס זיך ווידר פר היילן אבר ווען די דערנר וועלן מיינע קליידר צו רייסן וועט מען זיי נוט קענן פר היילן · דם זיי זאלן זיין אזו וויא פריער · האבן זיי אים גפרעגט ווארום איז דיין וייב דיר אקעגן גגאנגן אום געצירט האט ער גזאגט כדי איך זאל נוט גלוסטן צו איין אנדר אשה · האבן זייא אים גפרעגט פר וואס איז דיין וייב פריער ארין גגאנגן אונ די דער נאך אונ מיר צום לעצטן · האט ער צו זייא גזאגט ווייל איך קען אייך נוט אוב אור זענט פרימע לייט דרום האב איך מיין וייב נוט גוואלט לאזן לעבן אייך · האבן זיי אים גפרעגט ווארום האסטו אונז נוט גרופן עסן מיט דיר · האט ער צו זייא גזאגט ווייל איך האב קיין פיל ברוט נוט גהאט האב איך מיך גטראכט איר וועט דרויף געווים נוט גיין עסן דרום וויל איך נוט אור זאלט מיר אום זוסט דאנקן · האבן זייא אים גפרעגט ווארום האסטו דעם עלטערן קינד איין שטוק ברוט געגעבן אונ צו דעם יונגערן האסטו צוויא שטוק ברוט געגעבן · האט ער צו זייא גזאגט דער

עלטעיר

# קיצור מנורת המאור פי״ב יג

עלטערר איז אגאנצן טאג אונ דר היים קען ער עסן ווען ער וויל אבר דער קלענערר איז אגאנצן טאג אונ חדר אונ עסט נוט ווען ער וויל דרום דאב אוך אים צוויא שטוק ברוט געגעבן · האבון זיי אום גפרעגט ווארום איז איין וואלקן פריער אוף גגאנגן פון דעם ווינקעל וויא דיין וויב הט תפלה גטאן דם איר תפלה איז פריער דר הערט גווארן פון דיין תפלה · הט ער צו זייא גזאגט וויל זו איז אגאנצן טאג אונ דר היים נוט זי די עניים עסן האבין זיי באלד הנאה אן טרחה אבר אוך גוב זייא געלד האבון זייא טרחה איי זייא קרוגון דם עסן דרום איז איר זכות גרעסר פון מיין זכות · (וילפי שבערב שבת) אונ וייל דאס אום ערב שבת זאל דאס ברוט בצייטן אן געבייט זיין דאס די אשה זאל קענון געבן צו איין עני דרום איז איינם פון דיא צעהן תקנות וואס עזרא הט מתקן גוועזן דם די אשה זאל אויף שטיין פרייטאג פריא ברוט צו באקון אזו וויא מור לערנן אונ מסכת בבא קמא די רבנים האבון גלערנט צעהן תקנות הט עזרא מתקן גוועזן אונ איינם פון זיי איז דאס איין אשה זאל פריא אוף שטיין אום פרייטאג ברוט צו באקון כדי די עניים זאלון קענון בצייטן ברוט האבין אונ מען הט עס דרום מתקן גוועזן כדי דיא עניים זאלון אונ דער פריא האבון ווארום ברוט איז ווען די גיסט צום הונגעריגן ברוט זאלסטו אום געבן מוט גליסטיקייט דם ברוט אונ זאלסט אום טרייסטן מוט גוטע רייד אונ מוט איין שיין פריילך פנים אונ מוט חסד אונ מיט דר בארימקייט :

פרק יג (המבקר את החולים) דער וואס איז מבקר חולים דער נעמט אן אין דער מדה פון הקב״ה אזו וויא מור לערנן אונ מסכת סוטה רבי חמא בר חנינא זאגט וואס מיינט דער פסוק נאך גאט זאלט איר גיין איז קשה קען דען איין מענש גיין נאך דער שכינה · נייארט עס איז אזו גמיינט מען זאל נאך גיין נאך גאטס מדות גאט באקלייד נאקיטע אזו וויא אונ פסוק שטייט גאט האט גמאכט צו אדם וחוה קליידר פון הויט אונ הט זיי באקלייד אזו זאלסטו אוך נאקיטע באקליידן · גאט הט מבקר חולים גוועזן אזו וויא אונ פסוק שטייט גאט הט זוך באוויזן צו אברהם אונ אלוני ממרא אונ הט אום מבקר חולה גוועזן נאך דר מילה אזו זאלסטו אוך מבקר חולים זיין גאט הט מנחם אבילים גוועזן אזו וויא אונ פסוק שטייט אונ עס איז גוועזן נאך דעם טוט פון אברהם הט גאט גבענשט זיין זון יצחק אונ הט אום מנחם גוועזן אזו זאלסטו אוך מנחם אבילים זיין גאט הט מתים בגראבן אזו וויא אונ פסוק שטייט גאט הט בגראבן צו משה אונ טאל אזו זאלסטו אוך מתים בגראבן · אויך זאגן מור אונ דער גמרא מור האבן גלערנט

דיא

דיא מצוה פון ביקור חולים הט קיין שיעור האט רב יוסף גוואלט זאגן דס עס איז גמיינט דער שכר פון דר מצוה האט קיין שיעור נוט האט אבער צו אים גזאגט איז. דען בייא אנדרע מצות יוא דא אשיעור צו זייער שכר מיר האבין דאך גלערנט דו זאלסט נזהר זיין אונ אגרינגע מצוה אזו וויא אהארבע מצוה דען דו ווייסט נוט אויף וועלכער מצוה איז דא מיין שכר · נייארט עס איז אזו גמיינט עס איז קיין שיעור נוט דא צו ביקור חולים דאס אפילו איין השובר מענש מוז גיין מבקר חולה זיין צו אפראסטן מענשן רבא זאגט עס איז אזו גמיינט עס איז קיין שיעור דר זו נוט דא וויא פיל מאל מען זאל גיין אפילו הונדרט מאל אונ אטאג · (כי אתא רב דימי) וויא רב דימי איז גקומן פון ארץ ישראל קיין בבל הט ער גזאגט דער וואס איז מבקר דעם חולה איז ער גורם דאס ער זאל לעבן אונ דר וואס איז נוט מבקר דעם חולה איז ער אים גורם דאס ער זאל שטארבן פרעגט די גמרא מיט וואס איז ער גורם דעם חולה דאס ער זאל שטארבן ווען ער וויל אים נוט מבקר חולה זיין ענפרט די גמרא עס איז אזו גמיינט ווען ער גייט אים מבקר חולה זיין טוט ער אויף אים תפלה דס ער זאל לעבן · אבר דער וואס גייט נוט מבקר חולה זיין דר טוט אויך אים קיין תפלה ניט · ווען רבא איז קראנק גווארין האט ער דעם ערשטן טאג גזאגט צו זיינע תלמידים איהר זאלט פר קיינם נוט אום זאגן דס איך בין קראנק כדי עס זאל נוט קאלע ווערין מיין מזל דען טאמר וועל איך באלד געזונד ווערן אונ די מענשן וועלן זאגן רבא איז קראנק וועלן זייא עפין אמול צום שטן אבר פון דעם ערשטן טאג אונ דער נאך האט ער גזאגט צו זיינע תלמידים גייט ארוס אונ רופט אויס אויף מיר אונ מארק רבא איז קראנק · דר וואס האט מיך ליב דער וועט תפלה טון דאס איך זאל ווידר געזונד ווערן אונ דער וואס הט מיך פיינט דער וועט זיך פרייאן אויף מיר אונ דורך דעם וועט גאט זיין צארן פון מיר אפ טון אזו וויא אונ פסוק שטייט ווען דיין פיינט פאלט זאל דיך נוט פרייאן אונ ווען ער ווערט גשטרויכלט זאל זיך דיין הארץ נוט פרייאן דען אפשר וועט גאט זעהן אונ עס וועט אים נוט גפעלן אונ גאט וועט אפ טון פון אים זיין צארן · אויך זאגן מיר אונ דער גמרא רב ששת דער זון פון רב אידי זאגט אמענש זאל נוט מבקר זיין קיין חולה נוט אונ די ערשטע דרייא שעה פון דעם טאג אונ אויך נוט אונ די לעצטע דרייא שעה פון דעם טאג · אין די ערשטע דרייא שעה זאל ער נוט מבקר חולה זיין דען דענסמאל איז דער חולה פרישר אזו וועט ער מיינן דס מען דארף נוט בייטען פר אים

תפלה

תפלה טון · אונ אין די לעצטע דרייא שעה זאל ער נוט מבקר חולה
זיין דען דענסמאל אוז דער חולה שלאפר אזו וועט ער מיינן דם עס וועט
שוין קיין תפלה נוט העלפן דרום וועט ער קיין תפלה נוט טון גאר אונ
מוטון טאג זאל ער אום מבקר זיין · אויך זאגן מיר אונ מסכת שבת רב
יהודה זאגט פון וועגון רב פון וואנון לערנן מיר אף דאס גאט שפייזט
איין חולה דען צו צייטן אוז איין מענש קראנק אונ עסט נוט אונ טרינקט
ניט אונ לעבט דאך דען עס שטייט אונ פסוק גאט טוט דעם קראנקן אונטער
לעהנן אוף זיין קראנק בעט · (ואמרינן התם) אוך זאגן מיר אונ דר מסכת
שבת דו רבנים האבון גלערנט ווען אמענש גייט מבקר חולה זיין אזו שבת
זאל ער זאגון שבת היא מלזעוק ורפואה קרובה לבא עס אוז היינט שבת
דם מען טאר נוט שרייאן צו גאט אוף אצרה אונ ארפואה קען באלדי קומן
פון גאט · רבי מאיר זאגט מען זאל אזו זאגון דער זכות פון שבת אוז
גרום דם גאט וועט זוך דר בארמן איבר דור דורך אזר זכות · רבי יהודה
זאגט מען זאל אזו זאגון גאט זאל זוך איבר דור דער בארימן אונ איבר
אלע קראנקע פון ישראל · אונ עס אוז גרום דר שכר פון דעם וואס אוז
מבקר חולים אזו וויא מיר לערנן אונ מסכת שבת רבי יוחנן זאגט זעקס
זאכון זענון דא וואס דער מענש עסט זייערע פירות אוף דעם עולם אונ
דאס קרן בלייבט אום שטיין לעולם הבא אונ איינס פון זיי אוז ביקור חולים ·

פרק יד (לויה למת וקבורתו) דר וואס טוט איין מת מלוה זיין אונ בגראבט
אום דער טוט איין גמילות חסד מוט די לעבדיגע אונ מוט די
טוטע אונ כדי צו מקיים זיין די מצוה מעגון מענשן מבטל זיין פון אלע
אנדרע מצות · אונ אפילו פון תורה לערנן וואס דם אוז גוואגון אקעגן אלע
מצות מעג מען דאך מבטל זיין צו מלוה זיין איין מת אזו וויא מיר לערנן
אונ מסכת מגילה אונ אין מסכת כתובות דו רבנים האבון גלערנט מען
מעג מבטל זיין תורה לערנן צו מלוה זיין איין מת אונ צו פורון איין כלה
אונטער דער חופה מען הט גזאגט אוף רבי יהודה בר אלעאי דאס ער הט
מבטל גוועון תורה לערנען צו מלוה זיין איין מת אונ צו פורון איין כלה
אונטער דר חופה אונ ווס מיר זגון דם מען מעג מבטל זיין תורה לרנן צו מלוה זיין
איין מת דאס אוז נאר גזאגט ווען עס אוז נוט דא קיין מענש · אונ יעדער
מענש זאל נזהר זיין אונ דעם כבוד פון די מתים דען זיי הייסן אונ דיא
זאכון פון דער וועלט אוי זיי ווערון בגראבן אונ נאך דעם אוך אונ זייא
הייסון. ווער עס טוט זיי כבוד אן אונ דם לערנן מיר אפפון דעם וואס רב
הט גזאגט צו רב שמואל בר שלת ווען דוא וועסט מיר איין הספד מאכן
זאלסטו

זאלסטו דוך דער הוצין און זאלסט מאכן די לייט וויינין דען אויך וועל
הערין דעם הספד · אויך לערנן מיר אפ פון דער מעשה וואס עס שטייט
אין מסכת שבת דאס עס איז דא איין מעשה און איין מת וואס איז שון
לאנג געשטארבן ווען ער איז גוועזן איין צדיק אזו וויא און איין לעבידיגן
מענשן דען עס איז גוועזן איין מעשה דאס לייט האבין געגראבן און פעלד
פון רב נחמן בר יצחק איז דארט גוועזן איינר בגראבן וואס האט געהייסן רבי
אחא בר יאשיה האט ער אן געשריגן און די לייט וואס האבין גגראבן זענן
זיי גגאנגן צו רב נחמן בר יצחק און האבין עס אים גזאגט איז רב נחמן
גקומן און פעלד אריין און האט גפרעגט דעם מת ווער ביסטו האט דער
מת גזאגט איך בין אחאי בר יאשיה האט רב נחמן צו אים גזאגט רב מארי
האט דאך גזאגט די צדיקים וועלין ווערין ערד האט דר מת צו אים גזאגט
רב מארי האט נוט רעכט גזאגט דען אוך לוג דאך גאנץ · האט רב נחמן צו
אים גזאגט עס שטייט דאך און פסוק דאס גאט האט גזאגט צו אדם הראשון
דו ביסט פון דר ערד און וועסט דוך אום קערין צו דער ערד האט דר
מת צו אים גזאגט דס איז גזאגט איין שעה פר תחיית המתים וועלין די
מתים ערד ווערין · (וגרסינן נמי) אויך לערנן מיר און פרק חזקת הבתים
עס איז גוועזן איין מכשף וואס ער האט אפ גצוגין תכריכין פון מתים וויא
ער איז גקומן און דער הייל פון רב טובי בר מתנא און האט אונו גוואלט
דיא תכריכין אפ צוהין האט אים דר מת אן גנומן ביי דר בארד און האט אים
שטארק גהאלטן איז גקומן אביי און האט דאס מת גבעטן ער זאל דעם
מכשף אפ לאזין דען ער איז גוועזן זיין לוב האבר האט דר מת אים גלאזט
דעם מכשף און איאר ארים איז ווידר גקומן דר מכשף און האט גוואלט
דאס מת די תכריכין אפ צוהין האט ער אים ווידר אן גנומן ביי זיין בארד
איז אביי ווידר גקומן און האט דם מת גבעטן דאס ער זאל דעם מכשף
אפ לאזין האט דער מת אים נוט גוואלט אפ לאזן ביז מען האט גבראכט
איין שערזל און מען האט דעם מכשף די בארד אפ גשורין · (וכשנפטר
אדם כשר) און ווען איין פרומר מענש שטארבט זאלין זארגן אלע וואס
הערין עס און זאלין וויינין און טרויערן און ווען זיי טואן נוט אזו ווערין
זיי גשטראפט אזו וויא מיר זאגן און דער גמרא אין פרק האורג פאר
וואס שטארבן די זון און טעכטר פון איין מענשן ווען זיי זענן קליין וויל
ער האט נוט גקלאגט אויף איין פרומן מענשן · דען ווער עס וויינט און
קלאגט אויף איין פרומן מאן איז מען אים מוחל אלע זיינע עבירות פון
וועגין דעם כבוד וואס ער האט גיטון און מת · אויך לערנן מיר און פרק

## קיצור מנורת המאור פ״ד טו

האורג רבי שמעון בן פזי זאגט דער וואס לאזט טרערן איבר איין פרומן מאן ציילט גאט די טרערן אונ לייגט זי אין זיין אוצר · רבי חייא בר אבא זאגט ווער עס פולט זיך צו בקלאגן איין פרומן מאן דר לעבט ניט לאנג מדה כנגד מדה. וייל ער הט ניט גקלאגט וואס דער פרומר מאן הט ניט לאנג גלעבט דרום ווערט ער אויך ניט לאנג לעבין · דרום זאל איטליכר פר שטענדיגר מענש זיפצן ווען עס קומט אויף א מענשן אבייז טרעפונג מכל שכן ווען איינר שטארבט אונ דרום ווייט ער ניצול ווערין פון אלעם בייזן אונ ווערט לאנג לעבין מיט גוטע טעג :

פרק טו (כשהחכם נפטר מן העולם) ווען אתלמיד חכם גייט אוועק פון דער וועלט זענן אלע מחויב צו מצער זיך זיין איבר אים אזו וויא זיינע קרובים אזו וויא מיר לערנן אונ פרק אלו מגלחין מיר האבן גלערנט ווען איין חכם שטארבט זענען אלע זיינע קרובים · פרעגט די גמרא וויא קען עס זיין דאס אלע זאלין זיין זיינע קרובים נייארט עס איז אזו גמיינט אלע זענען מחויב צו קלאגן איבר אים אזו וויא זיינע קרובים · אויך האבן אונז אונזערע חכמים דר ציילט דס מען הט גייע צייכן אונ ווינדר גזעהן אויף דער וועלט ווען תלמידי חכמים זענען גשטארבן כדי די לייט זאלין זיך מצער זיין אונ זאלין זיי בקלאגן מיט אגרוסן אונ איין שווערן קלאג · אזו וויא מיר זאגן אונ דר גמרא וויא רבי אבהו איז גשטארבן האבן דיא זיילין פון דער שטאט קסרי גמאכט רונון טרערן וויא רבי יוסי איז גשטארבן האבן די רינוועס פון דער שטאט ציפורי גמאכט גיסן בלוט וויא רבי יעקב בר אחא איז גשטארבן זענין וואריין גזעהן שטערן ביי טאג וויא רבי אסי איז גשטארבן זענין אלע טענין ביימר אויס געריסן גווארן · וויא רבי חייא בר אבא איז גשטארבן זענין פייאריגע שטיינר אראפ גפאלן פון דעם הימל וויא רבי מנחם בר סימאי איז גשטארבן זענין אום געריסן גווארן אלע אום גמאלטע צורות פון די מלכים וואס זענין גשטארנין וויא רבי תנחום בריה דרבי חייא פון דער שטאט עכו איז גשטארבן זענין אפ גמעקט גווארן אלע געשניצטע צורות אונ זענין גלאט גווארן אונ אויך אלע צורות פון די מטבעות זענין אפ גמעקט גווארן אונ זענין גלאט גווארן אזו וויא זיי זענין גוועזן איי די מטבע איז אויס גשלאגן גווארן אויף זיי אונ דאס איז גשעהן וויל רבי תנחום האט אלע זיינע טעג קיין צורה פון קיין מטבע ניט גזעהן · וויא רבי יצחק בן אלישע איז גשטארבן האבן גנבים זיך אונטר גגראבן אונ זיבציג הייזער אין דער שטאט טבריא דינן אזו לאנג וויא ער האט גלעבט איז דורך זיין זכות קיין גנב ניט גקומן וויא רב

המנונא

המנונא איז געשטארבן זענין שטיינר פון האגל געפאלן פון דעם הימל וויא
רבה אונ רב יוסף זענון געשטארבן האבין זיך צו נויף גיבויגין די צווייא
מויערן פון דער בריק פון דעם טייך פרת אונ האבין גוואלט איין פאלן ·
וויא רב משרשיא איז געשטארבן איז גוואקסן דערנער אויף די טייטל ביימר ·
דרום איטליכר מענש וואס האט שכל זאל ער זייער וויינן ווען צדיקים
שטארבן דען זיי זענין די אויגין פון דר עדה · אונ די אויגין פון דער עדה
זענין טונקל גוואורן דורך דעם וואס די צדיקים זענין אוועק גגאנגן פון דר
וועלט דרום זאלין זיי איבר זייא קלאגן וויא רעכט איז · (והתורה שלומד)
אונ די תורה וואס דר מענש לערנט אונ לערנט זיי מיט לייטן אויף דעם
עולם די תורה וויינט איבר דעם מענשן ווען ער שטארבט אזו וויא מיר
לערנן אונ מדרש תנחומא עס איז גוועזן איין מעשה מיט איין חסיד דס ער
פלעגט גיין אונ איין אורט אליין אונ הט דארטן גלערנט די מסכת חגיגה
אונ הט זי פיל מאל גחזרת ביז ער הט זי וואל גקענט אונ זי איז גוועזן
גווינטליך אונ זיין מויל אונ ער הט קיין אנדר מסכת נוט גקענט אונ האט
אלע זיינע טעג גלערנט די מסכת וויא ער איז געשטארבן איז ער אליין גוועזן
אין זיין הויז אונ קיין מענש הט נוט געוויסט דאס ער איז געשטארבן איז
גקומן די מסכת אונ איין גשטאלט פון איין אשה אונ האט זיך ביי דעם
מת געשטעלט אונ הט אויף גהויבן איר קול מיט וויינן אונ קלאגן אונ הט
זייער געשפיצט אונ געשריגן ביז פיל לייט האבין זיך איין גזאמלט האט זי
צו זייא גזאגט בקלאגט דעם חסיד אונ בגראבט אים אונ טוט זיין ארון
כבוד אן וועט איר דורך דעם זוכה זיין לחיי עולם הבא דען דר חסיד הט
מיר כבוד אן גטאן אלע זיינע טעג אונ איך בין נוט גוועזן פר לאזען
אונ פר געסן האבין זיך באלד איין גזאמלט מיט אנאנדר אלע ווייבר אונ
האבין זיך גזעצט מיט איר אויף דער ערד אונ האבין איבר אים איין גרוסן
אונ איין שטארקן הספד גמאכט אונ די מאנזבלן האבין זיך מתעסק גוועזן
מיט זיינע תכריכין אונ אלץ וואס מען דארף האבן צו זיין קבורה אונ האבין
אים בגראבן בכבוד גדול אונ די אשה הט גוויינט אונ געשריגן האבין די לייט
זיא גפרעגט וויא הייסטו הט זי גזאגט איך הייס חגיגה אונ וויא דער חסיד
איז בגראבן גוואורן איז די אשה נעלם גוואורן אזו הט מען געוויסט דאס זי
איז גוועזן די מסכת חגיגה וואס זי הט זיך באוויזן אונ דעם גשטאלט פון איין
אשה אונ. אזו גקומן וויא דר חסיד איז געשטארבן צו קלאגן איבר אים אונ
צו באוויינן אים אונ צו מאכין דאס ער זאל בגראבן ווערין בכבוד וויל
ער האט אונ. איר תמיד גלערנט · נוא איז די זאך איין קל וחומר ווען דער

חסיד

# קיצור מנורת המאור פט"ו טז

חסיד הט נאר איין מסכת גלערנט הט ער אזו איין כבוד דורך איר גזאט מכל שכן ווען איינר לערנט פיל תורה אונ לערנט זי בוט אנדרע אונ שטעלט אויף פיל תלמידים וועט ער פשיטא איין גרוסין שכר אונ כבוד דורך דעם האבין · (ואם זוכה) אונ ווען דער מענש איז זוכה דאס מען זאגט אים נאך דברי תורה אויף דעם עולם איז קיין סוף ניט צו דעם שכר וואס ער הט לעולם הבא · דען רבי יוחנן זאגט דר תלמיד חכם וואס מען זאגט אים נאך דברי תורה אויף דיים עולם נאך זיין טוט רורין זיך זייגע ליפין אונ קבר גלייך וויא איינר רעט אונ דר מת הט גרוס הנאה דר פון דען עס איז גלייך וויא ער לעבט · דרום איז מחויב איטליכר וואס הט פון אים גלערנט דברי תורה צו זאגין עס פון זיינט וועגין סיי פר זיין לעבין סיי נאך זיין טויט דען ווען ער זאגט נאך עפיס פון זיינט וועגין פר זיין לעבין ברענגט ער גוטס אויף דעם עורם אזו וויא מיר לערנן אונ מסכת מגלה רבי אלעזר בר חנינא זאגט דער וואס זאגט נאך דברי תורה פון דעם מענשנס וועגין וואס ער הט עס פון אים גלערנט ברענגט ער די גאולה אויף דר וועלט אזו וויא אונ פסוק שטייט דאס אסתר הט גזאגט צו אחשורוש פון וועגין דעם נאמן פון מרדכי דס בגתן אונ תרש האבין אים גוואלט סם געבן אונ דס הט דר נאך גורם גוועז דאס די ישראל זענין דורך דעם ניצ'ל גווארן פון דער האגט פון המן נוא געפינען מיר דס עס איז גוט ווען מען זאגט איין זאך בשם אומרו · אונ חאטשי ווען די צדיקים שטארבן איז עס איין גרוסי שטראף צו ישראל דס הקב"ה הט דעם בונד זילבר אונ זיין האנט גענומין דאס זענן די צדיקים וואס זייא האבין שלום גמאכט צווישן ישראל אונ צווישן גאט וואס אונ הומל איז פון דעסטוועגן זאלן זיך דוא ישראל נוט מייאש זיין פון דער גאולה דען ווען שוין דער דור האט עבירות גטאן וועט גאט מוט זיין חסד זייא דאך דער לייזען :

פרק טז (לעולם יהא אדם זהיר) אייביג זאל דער מענש נזהר זיין אונ אזו איין מצוה וואס ווייזט זיך אוס אויס פר גרונג אזו וויא אונ איין מצוה וואס ווייזט זיך אוס אוס פר הארב אזו וויא מיר לערנן אונ פרקי אבות דו זאלסט נזהר זיין אונ איין גרינגע מצוה אזו וויא איין הארבע מצוה דרום ווען עס קומט צו איין מענשן איין מצוה צו האנדן זאל ער זוא נ ט לאזון שטיין כדי צו טון איין אנדר מצוה אזו וויא די חכמים זאגין מען טאר ניט איבר גיין איין מצוה צו טון איין אנדרע נייארט די מצוה וואס קומט פריער צו האנדן זאל מען זי פריער טון · אונ תמיד זאל זיך דער מענש טראכטן טאמר וועט ער מוט דער איינר מצוה איבר וועגין זיין וואס שאל צו גוטין אזו וויא מיר לערנן

לערנן אונ קדושין איבונ זאל דער מענש זיך מראבטן גליך וויא זיין וואג שאל איז גליך פון מצות אונ עבירות טוט ער איין מצוה איז אזו וואל צו אים דאס ער האט זיין וואג שאל איבר גוואגן מיט דער איינר מצוה צו גוטן · טוט ער איין עבירה איז וויא צו אים דאס ער הט מיט דער איינר עבירה איבר גוואגן זיין וואג שאל צו בייזן אזו וויא אינ פסוק שטייט דורך איין עבירה פר לירט מען פיל גוטס דען איבר דר איינר עבירה הט ער אל דאס גוטס פר לורן ווייל ער הט זיין וואג שאל איבר גוואגן צו בייזן · אונ מיר גהערן אפ צו לערנן פון משה רבינו עליו השלום דאס ער איז גוועזן דר האר פון אלע נביאים אונ איז גאנץ גוועזן אינ אלע מצות דם זיין גלייכן איז ניט גוועזן אינ דעם גאנצן עולם אונ עס איז אים דאך ליב גוועזן איין מצוה צו טון · אזו וויא מיר לערנן אינ מסכת סוטה די רבנים האבן גלערנט קום אונ זעה וויא זענין געליבט גוועזן די מצות אויף משה רבינו דען וויא די ישראל זענין ארוס גגאנגן פון מצרים הט איטליכר עוסק גוועזן צו רויבן גאלד אונ זילבר אונ משה הט עוסק גוועזן אונ די ביינער פון יוסף צו באגראבן · (דרש רבא) רבא הט גדרשת וואס מיינט דער פסוק (ויותר מהמה בני הזהר) דאס איז גמיינט מיין קונד די זאלסט נוהר זיין אונ די מצות פון די חכמים מיין וויא אונ די מצות פון דער תורה דען ווען די בוסט עובר אמצוה פון דער תורה האסטו נאר דעם עונש פון דער עבירה עס זענין דא אזעלכע עבירות וואס קומט אויף זיי ניט קיין מיתה אבר ווען דו ביסט עובר אויף די רייד פון די חכמים ביסטו תמיד חייב מיתה אונ ווען די וועסט וועלין זאגין ווען די מצות פון די חכמים זענין הארב ווארום שטייאן זיי ניט אינ דער תורה דרום זאגט דער פסוק מען האט ניט גקענט אלץ שרייבן אינ דער תורה דען זיי האבן קיין סוף ניט · שטייט ווייטר אינ פסוק (ולהג הרבה יגיעת בשר) דאס איז גמיינט דר וואס שפעט אויף די רייד פון די חכמים איז מען אים דן אונ הייסו צואה · (ואמרינן עלה) אויך זאגן מיר אינ דר גמרא די רבנים האבן גלערנט עס איז גוועזן אמעשה מיט רבי עקיבא דאס ער איז גוועזן תפוס אונ הט קיין וואסר ניט גהאט צו וואשן די הענט הט ער ניט גוואלט עסן ביז מען הט אים גמוזט וואסר ברענגן דען ער האט גזאגט עס איז בעסר איך זאל שטארבן פר הונגער אונ זאל ניט עובר זיין אויף די רייד פון די חכמים · (ותניא בספרי) אויך לערנן מיר אינ ספרי עס שטייט אינ פסוק די מיזט טון נאך דער תורה וואס די חכמים וועלין דיך לערנן אפילו ווען די וועסט מיינן אויף איין זאך עס איז מותר אונ זייא זאגין עס איז אסור אודר די וועסט מיינן עס איז אסור אונ

זיי

זיי זאגין עס איז מותר אזו מיסטו זיי פאלגן · (וכל המצות) אונ אלע מצות אונ כלל זעגין דעם מענשן מציל פון איין היזק אזו וויא מיר לערנן אונ דער גמרא פון פסחים · רבי אליעזר זאגט איין שליח מצוה ווערט ניט ניזוק ניט ווען ער גייט די מצוה טון אונ אויך נוט ווען ער גייט צוריק פון דער מצוה · אויך האבין מיר אובין גשריבן דאס דורך דעם זכות פון די מצות קימט פיל גוטס אויף דעם עולם אויף דער וואס איז מבטל אמצוה דר איז דר ווייטערט פון גאטס השגחה אונ פון גאטס שמירה אבר די וואס טואן מצות בשיצן זיי אויף זיך אונ אויף זייערע קינדר אונ אויף דעם גאנצן דור אונ עס איז קיין סוף נוט צו דעם גרוסון שכר פון די מצות צו די וואס זענען זיך מתעסק אונ זיי לשם שמים :

פרק יז (העוסק במצוה מאריך ימים) דר וואס איז עוסק אונ מצות דער לעבט לאנג אזו וויא מיר לערנן אונ קדושין דער וואס טוט אמצוה דעם דר לענגערט מען זיינע יארין אויך האבין מיר גלערנט אונ מסכת מגילה דאס רבי יוחנן בן זכאי הט גזאגט דאס דורך דעם זכות פון די מצות הט ער לאנג גלעבט · (שאלו תלמידיו) די תלמידים האבין גפרעגט צו רבי נחוניא בן הקנה דורך וואס פר איין זכות לעבסטו אזו לאנג האט ער צו זיי גזאגט איך האב קיין מאל נוט גוואלט קיין כבוד וואס עס איז דר פון צום אנדערן איין בזיון גקומין אזו וויא עס איז גוועזן איין מעשה מוט רב הונא דס ער האט גטראגן אויף זיין אקסל איין כלי וואס מען גראבט מיט איר איז גקומין רב הונא בר חנילאי אונ הט זי גוואלט פון אים אראפ נעמן דאס ער זאל זי טראגן הט רב הונא צו אים גזאגט ווען די ביסט גוויינטלך צו טראגן אזעלכע זאכן אונ דיין שטאט אונ עס איז דיר קיין חרפה נוט אזו מעגסטו עס היינט אויך טון אונ ווען נוט אזו ווילסטו מיר כבוד אן טון אונ עס זאל דיר איין חרפה זיין דאס וויל איך גוט טון · אונ איך בין נוט אויף גגאנגן אויף מיין בעט בוז איך האב מיין חבר מוחל גוועזן וואס ער הט מיר גוטון אזו וויא מר זוטרא בריה דרב נחמן האט גוטון דאס ווען ער איז אויף גגאנגן אויף זיין בעט שלאפן הט ער גזאגט איך בין צו איטליכן מוחל וואס ער הט מיר צער אן גוטון אונ איך בין גוועזן איין וותרן מוט מיין געלד דען די גמרא הט גזאגט איוב איז גוועזן איין וותרן מוט זיין געלד דם ווען עס איז דעם קרעמר איין האלבע פרוטה ארום גקומין אזו איז דער סדר דם מען בצאלט נוט די האלבע פרוטה אבר איוב הט נוט אזו גוטון נייארט ער הט נאך זיין האלבע פרוטה איבר גלאזט ביי דעם קרעמר · (שאל רבי עקיבא) רבי עקיבא האט גפרעגט רבי נחוניא הגדול דורך וואס פר איין זכות

לעבסטו

לעבסטו אזו לאנג זענן גקומן די קנעכט פון רבי נחוניא אונ האבן אים גשלאגן דען זיא האבן גמיינט דאס רבי עקיבא איז נוט גערון וואס רבי נחוניא לעבט אזו לאנג אזו רבי עקיבא גגאנגן אונ הט זיך גזעצט אויף איין בוים אונ הט גפרעגט צו רבי נחוניא · רבי עס שטייט אונ דער תורה (את הכבש האחד תעשה בבוקר) דו זאלסט די איינע שאף מקריב זיין אונ דר פרוא · איז קשה ווען עס שטייט כבש וויים איך דאך וואל דאס עס איז נאר איינע אונ ווארום שטייט דם ווארט אחד · הט רבי נחוניא אים געענטפרט דאס ווארט אחד וויזט דאס ער מוז נעמן די איינציגע בעסטע שאף וואס אונ זיין שטאל איז · הט רבי נחוניא גזאגט צו זיינע קנעכט רבי עקיבא איז איין תלמיד חכם לאזט אים גיין אונ לאז ער צו מיר קומן האט ער צו אים גזאגט איך וועל דיר זאגן ווארום איך לעב אזו לאנג איך האב אלע מיינע טעג קיין מתנה נוט גנומן דען עס שטייט אונ פסוק דער וואס הט פיינט מתנות דר לעבט לאנג אונ ווען עס הט מיר איינר עפיס אים געבט גוטן האב איך אים מוחל גוועזן דען רבא האט גזאגט ווער עס איז זיין חבר מוחל ווען ער זינדיגט עפיס אקעגן אים דעם איז מען מוחל אלע זיינע עבירות · (שאל רבי אמי) רבי אמי הט גפרעגט צו רבי יהושע בן קרחה דורך וואס פר איין זכות לעבסטו אזו לאנג הט ער צו אים גזאגט ווארום ביסטו מאס אונ מיין לעבון · הט רבי אמי צו אים גזאגט איך פרעג דרום דם איך זאל מיך פון דיר אפ לערנען דורך וואס פר איין זכות קען דר מענש לאנג לעבן האט רבי יהושע בן קרחה צו אים גזאגט אלע מיינע טעג האב איך נוט גקוקט אויף דעם פנים פון איין רשע אזו וויא רבי אלעזר זאגט דר וואס קוקט אויף ארשע דעם ווערן זיינע אוגון טונקל · (שאלו תלמידיו) די תלמידים האבון גפרעגט צו רב אחא דורך וואס פר אזכות לעבסטו אזו לאנג הט ער צו זיי גזאגט אלע מיינע טעג האב איך מיך נוט גקריגט אונ מיין הויז ווען זיי האבן גוטון נוט אזו וויא איך וויל אונ איך בין נוט פריר גגאנגן פר איינום וואס איז גוועזן איין גרעסרר חכם פון מיר אונ איך האב נוט גטראכט קיין דברי תורה אונ אום רייניגע גאסון · אונ איך בין נוט גגאנגן פיר איילן אן תורה אונ אן תפילין · אונ איך האב מיך נוט גפרייט ווען מיין חבר איז גשטרויכלט גווארן אונ איך האב מיין חבר נוט גרופן מוט זיין צו נאמן אונ אפילו מוט אזו איין צו נאמן וואס מען רופט די גאנצע משפחה דען וויל עס איז אים איין ביוש האב איך אים דרום דער מוט נוט גרופן · איך לערנן מיר . אונ מסכת ברכות די רבנים האבון גלערנט וויא רבי אליעזר איז קראנק גווארן זענען זיינע תלמידים ארין גגאנגן צו אים צו מבקר חולה זיין

אים האבין זייגע תלמידים גזאגט צו אים רבי לערן אינז דעם וועג פון לעבן האט ער צו זיי גזאגט איר זאלט נזהר זיין אונ דעם כבוד פון אייערע חבירים אונ פר מייד אייערע קינדר זיא זאלין זייער צייט נוט פר ברענגן מוט קינדר צו ריידון אונ צו שפילן זיך אונ ווען איר טוט תפלה זאלט איר וויסון פר וועמן איר טוט תפלה פר הקב״ה דען וועט איר בכונה תפלה טון · אונ דורך דעם וועט איר זוכה זיין לאנג לעבון אונ צו עולם הבא · דרום ווען מיר געפינן דאס מענשן ליידון יסורים אונ ארבטן כדי זיי זאלין דורך דעם לעבן אויף דר וועלט חאטשו עס איז נאר איין חיי שעה מכל שכן דס עס איז גוט מען זאל טון איין מצוה לשם שמים כדי מען זאל גאנץ מאבין דעם ווילן פון דעם בשעפר אונ מען זאל לאנג לעבין אונ מען זאל זוכה זיין צו גוטע טעג בעולם הזה ובעולם הבא דען גאט יתברך וואס ער האט געהייסן די מענשן די מצות טון דער האט מאכט דאס ער וועט זיא בצאלין איין גוטן שכר אונ וועט זיא גוטס טון בעולם הזה אונ זיא וועלין זוכה זיין לעולם הבא :

פרק יח (כל חכמי הקבלה) אלע חכמים וואס האבין אלע זאבין בקבלה פון משה רבינו אונ אויך אלע חכמים וואס קלערון אלע זאבין מיט זייער פר שטאנד די זענון מסכים דס די נשמה פון דעם מענשן לעבט אייבוג אונ דאס איז דער שכר פון די מצות וואס דער מענש האט לעולם הבא נאר די חכמי הקבלה גלייבן עס אזו ווא זיי האבון עס בקבלה אונ זיי זאגון ווען מיר געפינן דאס איין הער וואס איז איין מעניש גוט איין גיטן שכר צו דעם וואס טוט זיין ווילן אונ איז זיך מתעסק אונ זיין דינסט מכל שכן דאס דער מלך הקב״ה איז בגלייבט צו בצאלן צו איטליכן דעם שכר פון זיינע מעשים אונ ער גוט זיין שכר צו דער נשמה וואס זו לעבט אייבוג אויף יענום עולם וואס ער איז לויטר גוטס אונ גווערט בוז אייבוג אונ דאס גוט גאט צו די וואס האבון זיך מתעסק גוען אונ זיינע מצות אונ האבן זיך געפרייט מיט זיין דינסט · אונ עס זענון דא מצות וואס מען עסט פון זיא די פירות בעולם הזה אונ דס קרן בלייבט שטיין לעולם הבא · (גם מצינו) אויך געפינן מיר דס די מעשים טובים ברענגן דעם מענשן לעולם הבא אפילו ווען ער איז נוט גאנץ אונ אנדרע גוטע זאבין אזו ווא מיר לערנן אונ פרק שני תעניות אלו רב ברוקא חוזאה איז געשטאנן אינ מארק פון דער שטאט יפוט איז געקומון אליהו אונ האט זיך צו אים באווזן הט רב ברוקה אום געפרעגט איז דא אייגר אויף דעם מארק וואס איז איין בן עולם הבא האט אליהו צו אים גזאגט ניין · אונ דעם איז געקומון איין מעניש וואס איז גוען אן גוטשאנן

אונ

אונ שווארצע שיך אזו וויא די עובדי כוכבים ומזלות אונ הט קיין ציצית נית גהאט הט אליהו גזאגט צו רב ברוקא דר מענש איז איין בן עולם הבא אזו הט אים רב ברוקא גרופן אונ ער הט נית גוואלט צו אים קומן איז רב ברוקא צו אים גגאנגן אונ הט אים גפרעגט וואס זענן דיינע מעשים האט דער מענש גזאגט איך בין איין שומר פון די לייט וואס ווערן גפאנגן אזו זעץ איך די מאנזבלין באזונדר אונ די ווייבר באזונדר כדי זיא זאלן קיין עבירה נית טון מיט אנאנדר · אונ איך שטעל מיין בעט ביי נאכט צווישן די מאנזבלין אונ ווייבר כדי איך זאל אכטונג געבן עס זאל קיין עבירה נית גשעהן · אונ וויא איך זעה איין בת ישראל וואס די עובדי כוכבים ומזלות געבן אויף איר ווייערע אויגן אזו בין איך מיך מוסר נפש אונ בין זיא מציל אמאל האט זיך גטראפן דס מען הט איין נערה המאורסה תפוס גנומן האבן די עובדי כוכבים ומזלות זי גוואלט מאכן זיין אזו האב איך גנומן הייבן פון רויטן וויין אונ האב בשמירט אירע קליידר אונ האב גזאגט זיא איז איין נדה הט רב ברוקא צו אים גזאגט ווארום האסטו שווארצע שיך הט ער גזאגט איך טרויער אויף ירושלים אונ ווארום האסטו קיין ציצית נוט הט ער צו אים גזאגט כדי מען זאל נית וויסן דאס איך בין איין יהודי אונ ווען די עובדי כוכבים ומזלות ריידן בשתיקה דאס זיי ווילן בייז טון צו די יהודים זענן זיי עס מיר מגלה אזו זאג איך עס צו די חכמים דס זיי זאלן תפלה טון צו מבטל זיין די גזירה · אונ ווארום ביסטו צו מיר נית גקומן וויא איך האב דיך גערופן הט ער צו אים גזאגט אונ דער צייט האב איך גהערט דאס זיי ווילן איין בייזע גזירה גוזר זיין אויף יהודים בין איך גגאנגן צו הערן כדי איך זאל עס קענן די חכמים צו וויסן טון דאס זיי זאלן תפלה טון צו מבטל זיין די גזירה · אונ דעם זענן גקומן צוויא אנדערע מענשן הט אליהו גזאגט צו רב ברוקא די מענשן זענן אויך בני עולם הבא איז רב ברוקא צו זיי גגאנגן אונ הט זיי גפרעגט וואס זענן אייערע מעשים האבן זיא צו אים גזאגט מיר זענן לוסטיגע לייט · אונ ווען מיר זעהן לייט וואס זענן טרויעריג אזו מאכן מיר זיי לוסטיג אונ ווען מיר זעהן דס צוויי לייט קריגן זיך אזו מאכן מיר שלום צווישן זיי :

פרק יט (כל אשר יש לו לב לדעת) איטליכר וואס האט איין הארץ צו וויסן אונ אויגן צו זעהן אונ אוערן צו הערן דר איז מודה דם די גוטע מדות זענן שיין צו די וואס טאון זיי · אונ די מצות זענן איין הולף צו דעם גוף אונ צו דער נשמה · אונ די זאך וואס איז גורם דאס עס זאל צו איין מענשן קומן בייזע טרעפונג אונ דם ער זאל זיין אן גברייט

צו

# קיצור מנורת המאור פרק יט

צו אום קוכן אזו וויא איין בהמה · דס איז ווייל ער הט זיך אפ גשייד פון הקב״ה אבר דער וואס גאט איז צווישן אום דעם וועט גאר קיין בייז נומ אן רירן דען אזו זאגט גאט יתברך די זאלסט דיך נוט פארכטן ווארום איך בין מיט דיר אונ די וועסט דיך נוט אוים גליטשן דען איך בין דיין גאט · אויך זאגט דער פסוק ווען די וועסט איבר פארן אונ יאסר ועל אויך זיין מיט דיר אונ ווען די וועסט איבר פארן אונ טייכן וועלין זיי דיך נוט פר פלייצן · (ואותם שמוסרים נפשם) אונ די מענשן וואס לאזן זיך ממית זיין פון וועגן צו מקים זיין די מצות איז וואל צו זיי אונ וואל צו זייער חלק דען עס איז קיין סוף נוט צו זייער שכר בעולם הבא אזו וויא די חכמים זאגן די זאלסט וויסן· דאס דער שכר פון די צדיקים איז לעתיד לבוא · (וגרסינן) אויך לערנן מיר אונ דר גמרא פון בבא בתרא רב יוסף דער זון פון רבי יהושע בן לוי איז קראנק נחען אונ איז אונ חלשות גלעגן גלייך וויא ער איז טוט וויא ער איז צו זיך גקומון הט אום דער פאטר גפרעגט וואס האסטו אונ הימל גזעהן הט ער צו אום גזאגט איך האב איין פאר קערטע וועלט גזעהן דאס די לייט וואס זענון בייא אונז חשוב פון וועגון זייער עשירות זענון דארטן שפל אונ די עניים וואס זענון ביי אונז שפל זענון דארטן חשוב האט רבי יהושע בן לוי צו אום גזאגט מיין קונד דוא האסט גזעהן איין קלארע וועלט דען דר אמת איז אזו · הט ער אום גפרעגט וויא זענן מיר תלמידי חכמים חשוב אויף יענם עולם הט רב יוסף צו אום גזאגט אזו וויא מיר זענון חשוב אויף דעם עולם אזו זענן מיר חשוב אוף יענום עולם אונ איך האב גלערנט דס די הרוגים פון דעם מלכות זענן דארטן חשוב דס קיינר קען נוט קומן אונ זייער וואנונג פרעגט די גמרא ווער זענן דיא לייט עס קאן נוט זיין רבי עקיבא מוט זיינע חבירים וואס זענן גהארגת גווארן פון דעם מלכות דאס איז דאך קיין חידוש נוט וואס זיי זענון דארטן חשוב דען אן דעם גהערן זיי דארטן חשוב זיין ווייל זיי האבון פול תורה גלערנט אונ מעשים טובים גוטון ענפרט די גמרא דאס זענון הרוגי לוד דען אין דייר שטאט לוד הט מען געפונן די טאכטר פון דעם מלך טוט אזו האט מען גוואלט אלע יהודים הארגן דען מען האט גזאגט דס די יהודים האבן זוא גהארגת אזו זענון גקומון צווייא ברודר וואס האבון גהייסן לוליינות אונ פפוס אונ האבון גזאגט מיר האבון עס גוטון כדי מען זאל זיי הארגן אונ דורך דעם זענון די אנדערע יהודים ניצול גווארן · דוא מענשן זענען זייער חשוב בעולם הבא · אויך לערנען מיר אונ דער מכילתא עס שטייט אונ פסוק גאט טוט חסד צו צווייא טויזענד דורות צו זיינע ליב האבר אונ צו די

וואס

וואס הזמן זיינע מצות דם זעגן די לייט וואס וואנען אונ ארץ ישראל אונ לאזן
זיך מסית זיין פון וועגן די מצות אונ ווען מען פרעגט אום ווארום הארגט
מען דוך זאגט ער ווייל איך האב מיין קינד מלי גוועזן · ווארום וויל מען
דיך הענגן ווייל איך האב געגעסן מצה · ווארום שלאגט מען דוך ווייל איך
האב לולב גבענטשט · אונ ווייל גאר דאס גוטס פון דר וועלט איז אקעגן דעם
גוטס פון עולם הבא איז וויא איין טראפן אקעגן דעם ים דרום איז וואל
צו דעם מענשן וואס ער איז זיך קובע זיין שכר אויף עולם הבא:

פרק כ (התורה היתה כלי אומנתו של הקב״ה) די תורה איז גוועזן דאס
כלי אומנות פון הקב״ה צו בריאת העולם איז וויא מיר לערנין
אין בראשית רבה עם שטייט אונ פסוק ואהיה אצלו אמון איז גלייך וויא עם
שטייט אומן דאס איז גמיינט די תורה זאגט איך בין גוועזן דם כלי אומנות
פון הקב״ה איז וויא דער סדר איז פון דער וועלט ווען איין מלך בשר ודם
וויל בויען היזער איז בויעט ער עס נוט פון זיך זעלברט נייארט ער האט
אפ צייכענונג צו וויסן וויא איז ער זאל מאכן חדרים אונ טורין · איזו הט
הקב״ה גקוקט אונ דער תורה אונ הט בשאפן די וועלט · די תורה זאגט
מיט מיר דאס איך בין דם ערשטע דאס גאט בשאפן די וועלט דען די
תורה איז פריער בשאפן גווארן פון דער וועלט איז וויא אונ פסוק שטייט
גאט הט מיך בשאפן דאס ערשטע פון זיינע זאכן אונ אויך געפינן מיר אונ
פרקי רבי אליעזר זיבן זאכן זענען בשאפן גווארן פר דער וועלט אונ דאס
זענן זיי תורה אונ תשובה · אונ גן עדן · אונ גיהנם · אונ כסא הכבוד ·
אונ בית המקדש · אונ דער נאמן פון משיח · אונ אויך ווען נוט דער זכות
פון דער תורה וואס די ישראל האבן זי מקבל גוועזן אונ האבן זי מפרסם
גוועזן אויף דעם עולם איז האלט די וועלט נוט גקאנט בשטיין · (תניא) מיר
האבן גלערנט רבי שמעון זאגט ווארום שטייט ביי מעשה בראשית יום אחד
יום שני אונ איז שטייט ביי אלע טעג אונ ביי דעם זעקסטן טאג שטייט
יום הששי מיט איין ה׳ דאס לערנט אונז דאס גאט הט איין תנאי אום גנומן
מיט מעשה בראשית דאס ווען די ישראל וועלן מקבל זיין חמשה חומשי
תורה אונ דעם זעקסטן טאג אונ סיון איז איז גוט אונ ווען נוט איז וועל איך
ווידר אום קערן די וועלט צו וויסט אונ לער אונ הקב״ה הט גגעבן די אויס
דר וויילטע תורה צו איין אויס דער וויילט פאלק דורך איין פרומן מענש
איז וויא מיר לערנן אונ פרק רבי עקיבא אייגער פון דעם לאנד גליל האט
גדרשנט פר רב חסדא גלויבט איז גאט וואס ער הט געבן די תורה וואס זי
איז גטיילט אויף דרייא חלקים תורה נביאים כתובים צו איין פאלק וואס איז

גשיילט אויף דרייא חלקים כהנים לוים ישראלים דורך איין מענש וואס ער איז געוועזן דאס דריטע קינד פון זיין פאטער אונ מוטער מרים אהרן משה אונ דעם דריטען טאג וואס זיי האבן זיך פון זייערע ווייבער פורש געוועזן אונ אין דעם דריטן חודש דאס איז סיון · אונ חאטשו די תורה איז געגעבן געווארן צו ישראל מוט איין טייל פר בארגענע זאכן וואס זענין פר הולין פון מענשן זעהן דר נאך געקומן מקובלים וואס האבן זייער לערנן גהאט בקבלה פון משה רבינו אונ נביאים אונ חכמים אונ האבן איין טייל סודות פון דר תורה מגלה געוועזן · דרום זאל דר מענש זיך ניט פר מיידן פון דער תורה נייארט ער זאל אום זעצן ציימן צו לערנן תורה אונ זאל די תורה האלטן פר איין עיקר אונ זיין מלאכה זאל ער האלטן פר גרינג אונ ער זאל ליב האבן די תורה אונ די וואס לערנן זי אונ דורך דעם וועט ער קומן צו לערנן אונ צו מקיים זיין :

פרק כא (הלילה היא זמן מוכן ללמוד תורה) דיא נאכט איז איין אן גברייטע צייט צו לערנן תורה וויל ביא נאכט איז דער מענש ליידיג פון זיין ארבייט אונ האט ניט צו טון אזו פיל וויא ביי טאג אונ דרום האבן די חכמים גזאגט אונ פרקי אבות רבי חנינא בן חכינאי זאגט דער וואס איז וואכענדיג ביי נאכט אונ קערט זיין הארץ צו נארישקייט איז ער חייב מיתה דען וויל די צייטן זענין ליידיג פון צו האנדלן אונ פון צו ארבעטן אונ זענין ראוי מען זאל אונ זיי לערנן אונ ווער עס טוט ניט אזו פר לירט ער זיין צייט מוט ווילן גערן דרום איז ער חייב מיתה · (והזמן המוכן) אונ די צייט וואס איז מיין אן גברייט אונ דר גאנצער נאכט צו לערנן דאס איז פר טאג · דרום איז דוד המלך אויף גשטאנן אונ האלבע נאכט תורה צו לערנן אזו וויא מיר לערנן אונ דער גמרא ברכות רבי שמעון חסידא זאגט איין פידל איז גהאנגן איבר דעם בעט פון דוד אונ וויא עס איז געקומן האלבע נאכט הט דער ווינד פון צפון געווייאט אזו האט זי אן גהובין צו שפילן פון זיך זעלברט אונ דוד המלך איז אויף גשטאנן אונ האט תורה גלערנט · (וגרסינן בפסיקתא) אויך לערנן מיר אונ דער פסיקתא דוד המלך הט גזאגט האלבע נאכט טוא איך אויף שטיין צו לובן דיך אויף דיינע גרעכטע משפטים רבי פנחס הט גזאגט פון וועגין רבי אלעזר בר מנחם וואס האט דוד גיטון ער הט גענומן איין פידל אונ איין הארפע אונ האט גטאן צו קאפנס פון זיין בעט אונ איז אויף גשטאנן האלבע נאכט אונ הט אויף זייא גשפילט אונ האט תורה גלערנט · אונ די תלמידי חכמים האבן גהערט זיין קול אונ האבן גזאגט ווען דוד המלך שטייט אויף תורה צו לערנן גהערן מיר פשיטא

אויף

אוף שטיין · אזו זענון זייא אוך אויף גשטאנן אונ האבן תורה גלערנט · רבי לוי זאגט איין פענסטר איז גוועזן איבר דעם בעט פון דוד וואס ער איז גוועזן אופן קיין צפון אונ איין הארפע איז גהאנגן אקעגן דעם פענסטר אונ דער ווינט פון צפון הט אן גהובן צו וויאן אונ האלבע נאכט אונ הט איין גווייאט אונ דער הארפע איז האט זו אן גהובן צו שפילן פון זיך זעלברט אזו וויא אונ פסוק שטייט דו הארפע האט גשפילט שטייט נוט מען האט זיא גמאכט שפילן נייערט זו האט פון זיך זעלברט גשפילט אונ כל ישראל האבן געהערט דאס קול אונ האבן גזאגט ווען דוד המלך שטייט אוף אונ לערנט תורה געהערן מיר פשיטא אויף שטיין תורה צו לערנען אזו זענון אלע אויף גשטאנן אונ האבן תורה גלערנט דרום האט דוד גזאגט (עורה כבודי עורה) מיין כבוד טוט זיך דער וועקן אקעגן דעם כבוד פון מיין בשעפר דען מיין כבוד איז נוט גרעכנט אקעגן גאטס כבוד · (אעירה שחר) איך טוא דער וועקן דעם מארגן שטערן אובר דער מארגן שטערן וועקט מיך נוט אוף · אונ דער יצר הרע האט אים דער צערנט אונ האט צו אים גזאגט דוד דעס מדר פון מלכים איז דאס זיא שלאפן דרייא שעה אויף דעם טאג אונ דו זאגסט איך טוא אויף שטיין האלבע נאכט · האט דוד גענפרט דאס טוא איך פון וועגן דיא גרעסטע משפטים פון גאט · (וגרסינן) אויך לערנען מיר אונ מסכת מנחות עס שטייט אונ פסוק (שיר המעלות הנה ברכו את ה' וגו') דס גייט אויף דיא תלמידי חכמים וואס לערנן תורה ביי נאכט דאס זיי האבון אזו איין שכר גלייך וויא זיי וואלטן מקריב גוועזן קרבנות · אויך לערנן מיר אונ דער גמרא פון ע"ז אונ אין חגיגה רבי לוי זאגט ווער עס לערנט תורה בייא נאכט ציהט גאט אויף אים איין פאדים פון חסד בייא טאג אזו וויא אונ פסוק שטייט גאט טוט ביי טאג גביטן זיין חסד אויף ישראל וייל זייא לערנן תורה בייא נאכט איין טייל זאגון רבי יהושע בן לוי זאגט ווער עס לערנט תורה אויף דעם עולם וואס ער איז גלייך צו נאכט וועט גאט אויף אים צוהן איין פאדום פון חסד לעולם הבא וואס ער איז גלייך צו טאג אזו וויא אונ פסוק שטייט גאט וועט זיין חסד גביטן בייא טאג דאס איז עולם הבא וייל זיי האבן תורה גלערנט ביי נאכט דאס איז עולם הזה · אויך לערנן מיר אונ מסכת עירובין רבי לוי זאגט דו נאכט איז נאר בשאפן גוואָרן תורה צו לערנן · אויך לערנן מיר אונ דער גמרא רבי ירמיה בר אליעזר זאגט איטלעכס הויז וואס מען הערט ניט רעדן תורה ביי נאכט דס וועט נוט חרוב ווערן אזו וויא אונ פסוק שטייט דו וועסט ניט דארפן זאגון וויא איז דער גאט וואס האט מיך בשאפן לאז ער מיר העלפן דען אוף בין חרוב גוואָרן ווען דו וועסט ביי נאכט זינגען אונ דער תורה אויף

זענן

# קיצור מנורת המאור פכ״א

זענן דו ווייבר זוכה דורך דעם צו איין גרויסן שכר אזו וויא מור לערנן אונ פרק יום הכפורים עם שטייט אונ פסוק גאט וועט איין גוטן שכר געבין צו די וואס פר וואגלן זייער שלאף זאגט רבי יצחק דאס איז גמיינט די ווייבר פון דיא תלמידי חכמים דאס זיי פר וואגלן זייער שלאף בעולם הזה זענן זייא זוכה לעולם הבא אונ ווען ער לערנט נוט ח״ו קיין תורה ביי נאכט ווערט ער גשטראפט אזו וויא מור לערנן אונ פרק חלק רבי אלעזר זאגט דאס הויז וואס מען הערט נוט דרינן קיין דברי תורה ביי נאכט ווערט עס פר ברענט דורך דעם פייאר פון דעם גיהנם אזו וויא אונ פסוק שטייט דוא פינסטרי נאכט איז פון אום פר בארגן דם ער לערנט קיין תורה נוט אונ איר דרום וועט אום פר ברענן דאס פייאר פון דעם גיהנם וואס מען דארף עס נוט צו בלאזן אונ דאס איז ווייל עס טוט אובקן אונ זיינע אוגון א תלמיד חכם וואס ער ווערט גערופון שריד אזו וויא אונ פסוק שטייט (ובשרידים אשר הי׳ קורא) צו די צדיקים אונ תלמידי חכמים וואס גאט רופט זייא · (ועל דא גרסינן) אונ דרוף לערנן מור אונ פרקי אבות (ודלא מוסיף יסיף) דאס איז טייטש ווער עס לערנט נוט קיין תורה ביא נאכט ווען די נעכט הייבון אן לאנג צו ווערון דער וועט שטארבן פר זיין צייט דאס איז פון חמשה עשר באב ביז שבועות · אויך לערנען מור אונ מסכת תענית אונ אין בבא בתרא מור האבון גלערנט רבי אליעזר הגדול זאגט וויא עס קומט חמשה עשר באב ווערט שלאף דער כח פון דר זון אזו הט מען אוך געהערט אפ צו שניידן האלץ צו ברענגן אוף דעם מזבח ווייל אונ דר צייט הויבט אן צו וויאן פייכטע ווינטן אזו ווערט דאס האלץ ווערמיג וואס מען שנייד אפ אין דער צייט אונ מען הט דעם טאג פון חמשה עשר באב גרופן יום תבר מגל דם איז דער טאג וואס מען האט צו בראכן די האק וואס מען האט מיט אור האלץ גהאקט צום מזבח אונ פון דער צייט אן אונ ווייטר ווערן דיא נעכט לענגר אזו דער וואס מערט צו לערנן תורה ביא נאכט דעם מערט מען זיינע יארון אונ דער וואס טוט נוט אזו דער ווערט איין גטואן זאגט רב יוסף עס איז גמיינט ער שטארבט יונגערהייט דאס זיין מוטר וועט אים בגראבן · אונ דאס איז דרום ווייל די תורה וואס ווערט גלערנט ביי נאכט ווערט קלערר גלערנט אונ גווערט ביי דעם מענשן מער וויא די תורה וואס זו ווערט גלערנט ביי טאג ווייל ביי נאכט איז דער מענש לידוג פון זיין מלאכה · אונ דער סימן איז דר צו דאס פון דער צייט אן וואס מען ליינט קומי רוני בלילה שטייא אוף אונ לוב גאט מוט תורה לערנן ביי נאכט דאס איז תשעה באב דם די נעכט ווערון לענגר אונ ביז עס קומט שבועות

דאס

דאס מען לייגט (רות) וואס עס שטייט דריגען ליני הלילה געבאיג איבר די נאכט דען די נאכט זענין קירצר אזו מעג מען שלאפן בוז טאג די גאנצע צייט מוז מען אוף שטיין האלבע נאכט תורה לערנן דם הט שלמה המלך מרמז גוועז אונ משלי דם ער זאגט (ותקם בעוד לילה) מען זאל ביי נאכט אויף שטיין לערנן · אונ דאס בעסטע לערנן איז דאס מען זאל ביא טאג לערנן אונ ביי נאכט זאל מען עס איבר לערנן אזו וויא משה רבינו דער האר פון אלע נביאים הט גוטון אזו וויא אונ פסוק שטייט ער איז גוועזן ביא גאט פערציג טעג אונ פערציג נעכט אונ האט תורה גלערנט אונ דר וואס טוט אזו איז ער מקיים (והגית בו יומם ולילה) דו זאלסט רייזן אונ דער תורה טאג אונ נאכט :

פרק כב (לעולם יעסוק אדם בתורה) אייביג זאל דער מענש לערנן תורה סייא מיט ארימקייט סייא מיט רייכקייט אונ זאל זיך אפ לערנן פון הלל הזקן אונ פון רבי אלעזר בן חרסום · הלל הזקן איז גוועזן איין עני אונ האט תורה גלערנט אונ רבי אלעזר בן חרסום איז גוועזן איין עושר אונ האט תורה גלערנט וויא מיר האבין אונ דער הקדמה פון דעם ספר גשריבן אויך האבין מיר גלערנט אונ מסכת סנהדרין מען האט גזאגט אויף דעם דור פון רבי יהודה בר אלעאי דאס זעקס תלמידים האבן זיך באדעקט מיט איין מאנטל וייל זיי זענין גוועזן עניים אונ האבין דאך תורה גלערנט · אויך לערנן מיר אונ מסכת עירובין רבא הט גדרשת וואס מיינט דר פסוק (לכה דודי נצא השדה וגו׳) דם זאגט די כנסת ישראל פר הקב״ה רבש״ע דו זאלסט מיך נוט משפטן אזו וויא די לייט וואס וואנון אונ גרוסע שטעט אונ זענין עובר אוף גזל אונ אוף עריות אוף שבועות שקר אונ שבועות שוא נייארט לאמר גיין אונ פעלד אריין וועל איך דיר וויזען תלמידי חכמים וואס לערנן תורה אונ ארימקייט (נשכימה לכרמים) לאמר זיך פעדרן אונ די וויין גערטנר דאס זענין די בתי כנסיות אונ בתי מדרשים (נראה הפרחה הגפן) לאמר זעהן אוב דר וויין שטאק האט גבליט דם זענין דיא לייט וואס לערנן פסוק (פתח הסמדר) דאס בליאונג איז אראפ גפאלן אונ דיא פרי הט אן גהובין צו וואקסן דאס זענין די לייט וואס לערנן משניות · (הנצו הרמונים) זיי הובין אן צו שפראצן די מול גרוימן דאס זענין די לייט וואס לערנן גמרא (שם אתן את דודי לך) דארטן וועל איך דיר וויזן מיין פריינדשאפט עס איז גמיינט איך וועל דיר וויזן די לוב פון מיינע זין אונ טעכטר דאס זיי זענין פרום (ומי שעוסק בתורה) אונ ווער עס לערנט תורה מיט ארימקייט אונ מוט דוחק דעם וועט גאט יתברך אן ביישן זיין פרנסה

כדי ער זאל קענון לערנן אן זארג אזו וי א מיר לערנן אונ פרקי אבות רבי יונתן זאגט ווער עס איז מקיים די תורה אונ לערנט זי אונ ארימקייט דער וועט זי לבסוף לערנן אונ עשירות · אונ ווער עס איז מבטל די תורה וויל ער איז איין עושר אונ האט פיל משא ומתן דער וועט די תורה לבסוף מבטל זיין דורך ארימקייט · אויך לערנן מיר אונ מסכת סוטה רבי יהודה בר חייא זאגט ווער עס לערנט תורה מיט דוחק ווערט זיין תפלה דער הערט ביי גאט אזו וויא אונ פסוק שטייט דאס פאלק וואס זיצט אונ ציון אונ ירושלים תורה צו לערנן וועט נוט ווייננן דען גאט וועט דיך ליט זעליגן ווען די וועסט צו גאט שרייאן ווען ער וועט נאר הערון דיין געשרייא שטייט ווייטער אין פסוק דאס גאט וועט צו אייך געבון ענג ברוט אונ וואסר דאס איז גמיינט ווען איר וועט ארום זיין אונ וועט דאך תורה לערנן וועט איר דעם שכר האבון דאס אייער תפלה וועט דר הערט ווערון ביי גאט רב חנינא זאגט די מחיצה וואס אונ הימל איז ווערט ניט פר שלאסן פר אום נייארט זיא איז אופון פר אום דאס זיין תפלה וועט קומן פר גאט אזו וויא אונ פסוק שטייט גאט וועט פון דיר ניט פר דעקט זיין רבי אבהו זאגט ער איז זוכה מקבל פני השכינה צו זיין אזו וויא אונ פסוק שטייט דיינע אוגון וועלון זעהן די שכינה :

פרק כג (אין דברי תורה מתקיימין בלומדיה בעידון) די רייד פון דער תורה האבון קיין בשטאנד ניט ביי די ליט וואס לערנן זי מיט תענוג פון וועלטליכע זאכון נייארט בייא דעם וואס לערנט זי דורך דעם פיינונג פון זיין גוף אזו וויא מיר לערנן אונ פרקי אבות אזו איז דער וועג פון דער תורה ברוט מיט זאלץ זאלסטו עסן אונ וואסר זאלסטו מיט דער מאס טרונקן כלומר ווייניג אונ אויף דער ערד זאלסטו שלאפן אונ מיט צער זאלסטו לעבון אונ אין דער תורה זאלסטו זיך במוהון אונ ווען דוא טוסט אזו וועט דיר וואל זיין אוף דער וועלט אונ לעולם הבא · (אמר רבא) רבא זאגט וואס מיינט דר פסוק ווען די ביזט דיך מנבל וועסטו ווערון דר הויבן אונ ווען די שווייגסט וועסטו טון דיין האנד צום מול דס איז גמיינט ווען די ביזט דיך מבזה פון וועגון דיין לערנן אונ פרעגסט אלץ צו דיין רבי וואס די פר שטייסט ניט אונ אפילו ווען דיינע חבירים שפעטן פון דיר פרעגסטו דרוף גיט אונ זעהסט דיין לערנן רעכט צו פר שטיין אזו וועסטו לבסוף חשוב ווערון דורך דעם אונ וועסט אלץ וויסן צו ענפרן וואס מען וועט דיך פרעגן · אבר ווען די שווייגסט אונ שעמסט דיך צו פרעגן דיין רבי אזו וועסטו מיין דיין האנד צום מול ווען מען וועט דיך עפוס פרעגן דם די וועסט ניט וויסן צו ענפרן · אויך לערנן מיר אונ מסכת עירובין ביי וועמון געפינט

מען

מען דו רייד פון דער תורה ביי דעם וואס שטייט אוף פריא צו לערנן אונ זיצט אוף דער נאכט שפעט אונ בית המדרש · רבה זאגט ביי וועמן גפינט מען דו רייד פון דו תורה בייא דעם וואס מאכט זיין פנים שווארץ פון וועגון דער תורה דאס ער לייט הונגער אונ לערנט תורה · אזו וויא רב אדא בר מתנא הט גוטון ווען ער איז גגאנגן אונ בית המדרש צו לערנן איז הט זיין ווייב צו אים גזאגט וואס זאל איך טון מוט די קינדר דים זיי האבן ניט צו עסון הט ער צו איר גזאגט עס איז גראז אוף ־עם פעלד דם לאזן זיי עסון · אויך לערנן מיר אונ פרק חלק רבי יהודה בר סימון הט גדרשת ווער עם מאכט שווארץ זיין פנים פון וועגון דער תורה בעולם הזה וועט הקב״ה מאכן שיינון דאס לוטרקייט פון זיין פנים לעולם הבא אזו וויא אונ פסוק שטייט זיין גשטאלט וועט שיינון אזו וויא דר בית המקדש · אונ ער זאל אונטר טענוג מאכן זיין גוף אונ זיינע אברים צו דר תורה אזו וויא איין אוקס וואס טראגט אוף זוך איין יאך אונ אזו וו א איין אייזל וואס טראגט איין משא · (ואם הוא עמל בתורה) אונ ווען דר מענש במיאט זוך אונ דר תורה בדייט דו תורה צו אום אן זיין פרנסה אזו וויא מיר זאגן אונ דער גמרא רבי עקיבא זאגט וועסט אלע טאג זינגן אונ דער תורה דם דו וועסט זיא איבר לערנן בוז דו וועסט זו קענון אזו וויא איין לוד וואס מען זינגט אזו וועסטו איך זינגען בעולם הזה אונ בעולם הבא · זאגט רב יצחק בר אבדימי עם שטייט אזו אונ פסוק דם לייב וואס במיאט זוך אונ דר תורה במיאט זוך דו תורה פר אים דאס ער זאל זיין פרנסה האבון בעולם הזה אונ זאל האבון עולם הבא · אויך לערנן מיר אונ פרקי אבות רבי נחוניא בן הקנה זאגט ווער עם נעמט אוף זוך דעם יאך פון דער תורה נעמט מען צו פון אים דעם יאך פון זיין פרנסה · אונ דער וואס ווארפט פון זוך ארפ דעם יאך פון דער תורה גוט מען אוף אים דעם יאך פון זיין פרנסה · דרום איז גוט צום מענשן דם ער זאל אוף זוך נעמון דעם יאך פון דער תורה וואס זיא איז אכבוד צום מענשן בעולם הזה אונ בעולם הבא :

פרק כד (הרוצה ללמוד ושיתקיים בידו) דער וואס וויל לערנן אונ זיין לערנן זאל אבשטאנד האבון בייא אום זאל ער מוט זיין מויל ארויס ריידון זיין לערנן אזו וויא מור לערנן אונ מסכת עירובין · ברוריה דאס ווייב פון רבי מאיר הט גפונון אתלמיד חכם וואס הט אונ זוך גלערנט אונ האט עס נוט ארוס גרעט האט זו אום אקלאפ גגעבן אונ הט גזאגט צו אום שטייט דען נוט אזו אונ פסוק ווען דו תורה איז אן געריכט אונ דייגע צווייא הונדרט אונ אכט אונ פערציג אברים דאס דו האסט זו ערנסט גלערנט

גְלֶערְנְט אוּנ הָאט זֵי רֶעבְּט אַרוּם גְרֶעט אַזוֹ וֶועט זֵי זַיין גִיהוּט אוּנ דַיין סארְצֶן דָאס דִי וֶועסְט זֵיא נִיט פַר גֶעסִין אוּנ וֶוען נִיט אַזוֹ וֶועסְטוּ זֵיא בַאלְד פַר גֶעסִין · מִיר הָאבִין גְלֶערְנְט עֶס אִיז גִוֶוען אַתַּלְמִיד צוּ רַבִּי אֱלִיעֶזֶר בֶּן יַעֲקֹב וָואס הָט זַיין לֶערְנֶן נִיט הוֹיךְ אַרוּם גְרֶעט אוּנ נָאךְ דְרַיי יָאר הָט עֶר זַיין לֶערְנֶן פַר גֶעסִין · אוֹיךְ זָאגִין מִיר אוּנ דֶר גְמָרָא שְׁמוּאֵל הָט גְזָאגְט צוּ רַב יְהוּדָה דוּ שַׁארְפֶר לַמְדָן עֶפִין דַיין מוֹיל אוּנ רֵייד דַיין לֶערְנֶן אַרוּם כְּדֵי דַיין לֶערְנֶן זָאל בַּיי דִיר אַבְּשְׁטַאנְד הָאבֶּן אוּנ דוּ וֶועסְט לַאנְג לֶעבִּין אַזוֹ וִויא אִין פָּסוּק שְׁטֵייט כִּי חַיִּים הֵם לְמוֹצְאֵיהֶם אִיז גְלַייךְ וִויא עֶס וָואלְט גְשְׁטַאנֶן לְמוֹצִיאֵיהֶם דָאס אִיז טַייטְשׁ דִי תּוֹרָה אִיז אֵיין לֶעבִּן צוּ דֶעם וָואס רֶעט זֵי אַרוּם מִיט דֶעם מוֹיל · אוּנ וֶוען עֶר לֶערְנְט נִיט אִיבֶּר זַיין לֶערְנֶן פַר גֶעסְט עֶר עֶס אַזוֹ וִויא רַבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי זָאגְט וֶוער עֶס לֶערְנְט תּוֹרָה אוּנ לֶערְנְט זֵי נִיט אִיבֶּר אִיז עֶר גְלַייךְ צוּ אֵיין מֶענְשְׁן וָואס זַייאֵט אוּנ שְׁנֵייט עֶס נִיט אָפּ אַזוֹ הָט עֶר קֵיין הֲנָאָה דֶר פוּן אַזוֹ הָאט עֶר אוֹיךְ קֵיין הֲנָאָה פוּן זַיין לֶערְנֶן אוּנ וֶוען עֶר לֶערְנְט אוּנ פַר גֶעסְט עֶס אִיז עֶר גְלַייךְ צוּ אֵיין אִשָּׁה וָואס גֶעווינְט קִינְדֶר אוּנ בַּגְרָאבְּט זֵיי אוּנ וֶוען עֶר קֶען זַיין לֶערְנֶן אִיבֶּר לֶערְנֶן הוּנְדֶרְט אוּנ אֵיין מָאל וֶוערְט עֶר גְרוּפֶן עֶר דִינְט גָאט · אוּנ פוּן דֶעסְטְוֶועגְן וֶוען עֶר קֶען נִיט לֶערְנֶן אַלֶע צַייט נֵייאוֹרְט עֶר הָאט גְזֶעצְטֶע צַייטְן צוּם לֶערְנֶען וֶוען עֶר לֶערְנְט אוּנ דִי תּוֹרָה לְשֵׁם שָׁמַיִם וֶוערְט עֶס אִים גְרֶעכְנְט גְלַייךְ וִויא עֶר לֶערְנְט אַלֶע צַייט אַזוֹ וִויא מִיר לֶערְנֶן אוּנ דֶער גְמָרָא חֲגִיגָה רַב אִידִי אִיז גִוֵוינְטְלִיךְ גִוֶוען דָם עֶר אִיז גְגַאנְגֶן דְרַייא חֳדָשִׁים אוּנ וֶועג צוּ גֵיין אוּנ בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוּנ אֵיין טָאג אִיז עֶר גִוֶוען אוּנ בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוּנ אִיז ווִידֶר גְגַאנְגֶן דְרַייא חֳדָשִׁים אַהֵיים אוּנ אִיז גִוֶוען אֵיין טָאג אוּנ דֶער הֵיים אוּנ אִיז ווִידֶר גְקוּמֶן אוּנ בֵּית הַמִּדְרָשׁ דֶען עֶר הָאט גְוָואלְט אַלֶע יוֹם טוֹב זַיין אוּנ דֶער הֵיים אַזוֹ הָאבִּן דִי רַבָּנִים אִים גְרוּפִין (בר בי רב דחד יומא) אֵיין לַמְדָן וָואס לֶערְנְט אֵיין טָאג הָאט עֶס אִים פַר דְרָאסְן דָאס מֶען הָאט אִים מְבַיֵּישׁ גִוֶוען הָאט עֶר אוֹיף זִיךְ גְלֵיינְט דֶעם פָּסוּק אוֹיךְ בִּין אַגְשְׁפֶּעט צוּ מַיינֶע חֲבֵרִים דְרוּם וֶועט זַיין מַיין שְׂכַר דָם אִיךְ וֶועל צוּ גָאט רוּפִין אוּנ עֶר וֶועט מִיר עֶנְפֶערְן הָאט רַבִּי יוֹחָנָן צוּ אוּנס גְזָאגְט אוֹיךְ בֶּעט דוּךְ זֵיי נִיט מֶעֱנִישׁ דִי רַבָּנִים אִיז רַבִּי יוֹחָנָן אַרוּם גְגַאנְגֶן אוּנ הָאט גְדַארְשְׁת עֶס שְׁטֵייט אוּנ פָּסוּק זֵיי טוֹאוּן מִיךְ בַּיי טָאג פָארְשְׁן אִיז קָשֶׁה פָארְשְׁט מֶען דֶען גָאט בַּיי טָאג יוֹא אוּנ בַּיי נַאכְט נִיט נֵייאוֹרְט דֶער פָּסוּק ווַייזְט מִיר דָאס דֶער וָואס לֶערְנְט נָאר אַטָאג אוּנ יָאר הָאט עֶר אַזוֹ אֵיין שְׂכַר גְלַייךְ וִויא עֶר לֶערְנְט אַגַאנְץ יָאר אוּנ אַזוֹ אִיז אוֹיךְ בַּייא דִי

זאבון

זאבין פון פורענויות עם שטייט אין פסוק מיט די צאל פון די טעג וואס איר
האט אום גזעהן דאס לאנד פערציג טעג איז זאלט איר בלייבן פערציג יאר
אין דער מדבר אזו קשה האבין זיי דען פערציג יאר געזינדיגט זיי האבין דאך
נאר פערציג טעג געזינדיגט נייארט דאס לערנט אונז דאס דער וואס זינדיגט
אפילו נאר א טאג אין יאר ווערט גרעכנט אוף אום גלייך וויא ער הט א גאנץ
יאר געזינדיגט · (וצריך) אין דער מענש מוז מאכין זיין לערנן פר איין עיקר
אין זיין מלאכה זאל ער מאכן פר איין טפל אזו וויא רבי שמעון בן יוחאי
זאגט אזו דען מעגליך דאס דער מענש זאל אקרין ווען די צייט איז צו
אקרין אין זאל זייאן ווען די צייט איז צו זייאן אונ זאל זיין תבואה אפ
שניידן ווען די צייט איז אפ צו שניידן אין זאל דרעשין ווען די צייט איז
צו דרעשין אין זאל ווינד שופלן ווען איין ווינד וועט זיין · נוא ווען וועט
ער תורה לערנן נייארט אין דער צייט וואס די ישראל טואן דעם ווילן
פון הקב"ה ווערט זייער מלאכה געטון דורך אנדערע אזו וויא אין פסוק
שטייט עס וועלין אוף שטיין פרעמדע אין וועלין פאשן אייערע שאף אין
דיא קינדער פון אנדערע פעלקר וועלין זיין אייערע אקער לייט אונ אין דער
צייט וואס די ישראל טואן נוט דעם ווילן פון הקב"ה אזו מוזן זיי זייער
מלאכה אליין טון אזו וויא אין פסוק שטייט די וועסט מוזן אליין איין
זאמלן דיין קארין אין דיין ויין אין דיין בוימל אונ נוט דס אליין נייארט
דיא ארבייט פון די עובדי כוכבים ומזלות מוזן זיי אוך טון אזו וויא אין
פסוק שטייט די וועסט מוזן דינען דיינע פיינט · (אמר להו) רבא הט גזאגט
צו די רבנים אוך בעט פון אייך איר זאלט נוט קומן פר מיר ניט אין
חודש ניסן אין נוט אין חודש תשרי וויל דאס איז די צייט וואס מען
זאמלט איין די תבואה אין דעם ויין אין בוימל כדי איר זאלט ניט האבן
צו זארגן דאס גאנצע יאר פון וועגן אייער פרנסה רבי יהודה בר אלעאי
זאגט קום אין זעה דעם צווישן שייד צווישן די פר צייטיגע דורות אין
צווישן די דורות וואס זענען היינט דען די פר צייטיגע דורות האבן זייער
תורה פר איין עיקר גמאכט אין זייער מלאכה האבין זיי פר גרינג געהאלטן
אזו האבין אלע ביידע בייא זייא איין בשטאנד געהאט דאס זייא זענין געווען
תלמידי חכמים אין האבין זייער פרנסה געהאט אבר די דורות וואס זענען
היינט האבין גמאכט זייער מלאכה פר איין עיקר אין זייער תורה האבין זיי
פר גרינג געהאלטן דרום האבין ביידע ביי זיי קיין בשטאנד ניט געהאט דאס
זייא זענין נוט קיין תלמידי חכמים אין האבין קיין הצלחה ניט אין זייער
מלאכה דרום זאל דער מענש מאכין זיין תורה פאר איין עיקר אין זיין
מלאכה

מלאכה זאל ער פר גרינג האלטן אין מען ווערט אום פון דעם הימל העלפן דס
עס זאל אלץ אבשטאנד האבן אין זיין האנט :

פרק כה (לעולם ידור אדם במקום תורה) אייביג זאל דער מענש וואנון
אין אזו איין אורט וויא מען לערנט תורה אזו וויא רבי יוסי
בן קיסמא זאגט אמאל בין איך גגאנגן אין וועג הט מיך איין מענש בגעגינט
אין האט מיר שלום גגעבן הט ער צו מיר גזאגט רבי פון וואנן פר אשטאט
ביסטו האב איך צו אים גזאגט איך בין פון אגרויסר שטאט וואס פול חכמים
אין סופרים וואנון אין איר · האט דער מענש צו מיר גזאגט אויב דוא
ווילסט וואנון אין מיין שטאט אזו וועל איך דיר געבון פול גאלד אין
זילבר האב איך צו אים גזאגט אפילו ווען דו וועסט מיר געבון דאס גאלד
אין זילבר פון דער וועלט וועל איך נוט וואנון נאר אין דעם אורט וויא
מען לערנט תורה · (וגרסינן) אויך לערנן מיר אין בבא בתרא עס שטייט
אין פסוק והם תכו לרגליך · האט רב יוסף גלערנט דאס זענן די תלמידי
חכמים וואס צו שטוסן זייערע פוס פון איין שטאט אין דר אנדייער אין פון
איין מדינה אין דער אנדער צו לערנן די תורה · דרום האבון זיך אונזערע
רבנים נוהג גוועזן דאס זיי זענון ארום גגאנגן אין אלע ערטר וויא זייא האבן
געפונון ישיבות וואס מען הט גלערנט תורה כדי זיי זאלון לערנן תורה אזו
וויא מיר געפונון דאס רבי עקיבא איז גוועזן איין פאסטוך ביי כלבא שבוע הט
דיא טאכטער פון כלבא שבוע געזעהן דאס רבי עקיבא פורט זיך בצניעות. אין
איז פרום האט זו צו אים גזאגט ווען איך וועל מיך צו דור מקדש זיין וועסטו
גיין אין איין ישיבה צו לערנן תורה האט ער גזאגט יוא · הט זו זיך צו אים
מקדש גוועזן בשתיקה דם אור פאטר הט דער פון נוט געוויסט אין האט אום
אוועק געשיקט אין וויא דער פאטר הט עס גהערט האט ער זו אום גוצוגין פון
זיין הויז אין הט איין נדר גוטון דאס זו זאל קיין הנאה נוט האבן פון זיין געלד
אזו איז רבי עקיבא גגאנגן לערנן אין איז געזעסן אין איין ישיבה צוועלף יאר
וויא ער איז אהיים גקומון האט ער מוט זיך געבראכט צוועלף טויזענד תלמידים
האט רבי עקיבא גהערט וויא איין אלטר מאן הט גזאגט צו זיין ווייב וויא לאנג
וועט דיך דיין מאן לאזן זוצון איין אלמנה חיה האט זו צו אים גזאגט ווען מיין
מאן זאל מיך פאלגן וואלט ער נאך געזעסן צוועלף יאר אין וואלט גלערנט ·
וויא רבי עקיבא האט עס דער הערט הט ער גזאגט ווייל מיין ווייב האט מיר
רשות געגעבן אזו וועל איך ווידר אוועק גיין איז ער אוועק גגאנגן אין איז נאך
צוועלף יאר געזעסן אין דער ישיבה · וויא ער איז ווידר אהיים גקומון הט ער
מיט זיך געבראכט פיר אין צוואנציג טויזענד תלמידים · וויא זיין ווייב הט דר
הערט

הערט דס איר מאן קומט אן איז זי אום אקעגן גגאנגן הט איר שכנה צו איר גזאגט לייא דיר קליידר אונ טוא דיך אן הט זי צו איר גזאגט דער צדיק ווייסט דאך דאס איך האב גאר ניט אן צו טון איז וועט ער ניט ברוגז זיין וואס איך גיי שענדלך וויא זי איז צו אים גקומן איז זי געפאלן אויף איר פנים אונ האט אים גקישט זיינע פיס ׳ האבן זיינע באדינער די תלמידים זיא גוואלט אוועק שטוסן הט רבי עקיבא צו זיי גזאגט לאזט זי גיין דען מיין תורה אונ אייער תורה איז אלץ גקומן דורך איר דען זי האט מיך אן גרעט איך זאל גיין לערנן ׳ וויא כלבא שבוע הט דר הערט דס איין גרוסר תלמיד חכם איז גקומן הט ער גזאגט איך וועל גיין צו אים טאמר וועט ער מיר מתיר נדר זיין דאס מיין טאכטר זאל ווידר מעגן פון מיר הנאה האבן ׳ איז ער גקומן צו רבי עקיבא אונ האט גזאגט רבי איך האב איין נדר מתיר צו זיין הט רבי עקיבא צו אים גזאגט וואס איז דיין נדר הט ער אים דר ציילט די מעשה האט רבי עקיבא גזאגט ווען דיין איידם זאל זיין איין תלמיד חכם וואלסטו דען אזו איין נדר גטון האט ער צו אים גזאגט רבי ווען מיין איידעם זאל נאר קענען איין פסוק וואלט איך אויך ניט אזו איין נדר גטון ׳ הט רבי עקיבא צו אים גזאגט איך בין דיין איידם אזו איז ער אויף זיין פנים געפאלן אונ האט אים די פיס גקישט אונ האט אים העלפט פון זיין געלד גשענקט ׳ אונ אויך די טאכטר פון רבי עקיבא האט אזו גטון צו איין קנעכט פון רבי עקיבא וואס ער הט גהייסן שמעון בן עזאי ׳ זאגט רב פפא דאס איז דאס שפריכווארט וואס די לייט זאגן איין שאף גייט נאך דער אנדערר אזו וויא די מוטר הט גטון הט די טאכטר אויך גטון ׳ דרום איטליכר וואס וויל גיין אונ דעם וועג פון לעבן זאל זיך באהעפטן אונ דער תורה אונ זאל זיינע קינדר לערנן תורה׳ אונ זאל זיינע טעכטר געבן מאנן וואס קענען לערנן וועט אים גוט זיין אויף דער וועלט אונ אויף יענר וועלט:

פרק כו (התורה היא אורה של עולם) די תורה איז די ליכט פון דר וועלט אונ די וואס זענען עוסק אונ דער תורה מאכן לייכטן צו דר וועלט ׳ איך לערנן מיר אונ דיר גמרא פון בבא בתרא ענו איז גוועזן איין מעשה מיט הורדוס המלך דאס ער האט גהארגת אלע רבנים אונ הט לעבן גלאזט צו בבא בן בוטא כדי ער זאל קענן פון אים איין עצה פרעגן האט ער אים דיא הויט פון איין שרץ וואס הייסט אגיל ארום גבינדן ארום זיינע אויגן אונ די איגל האט האר וואס זייא שטעכן אזו וויא נאדלן אזו איז בבא בן בוטא דר פון בלינד גווארן אמאל איז הורדוס

גנומן

# קיצור מנורת המאור פרק כו

געקומען אונ הט זיך פאר אים אנידר גזעצט אונ האט זיך צו אים גיט דער קענט דאס ער איז הורדוס אונ האט גזאגט צו בבא בן בוטא זעה דוא האר וואס דער בייזער קעניג הורדוס הט גיטון דאס ער האט אלע רבנים גהארגת הט בבא בן בוטא צו אים גזאגט וואס זאל איך טון הט הורדוס צו אים גזאגט שעלט אים ער זאל שטארבן האט בבא בן בוטא צו אים גזאגט מען טאר קיין מלך ניט שעלטן אזו וויא אונ פסוק שטייט אונ דיין וואנונג זאלסטו קיין מלך ניט שעלטן האט הורדוס צו אים גזאגט ער איז קיין רעכטר מלך ניט דען ער איז נאר איין קנעכט גוועזן הט ער גזאגט אפילו ווען ער איז נאר איין עושר טאר מען אים אויך ניט שעלטן אזו וויא אונ פסוק שטייט אין דער קאמר פון דיין גלעגר זאלסטו ניט שעלטן קיין עושר הט הורדוס צו אים גזאגט עס שטייט דאך אונ פסוק איין נשיא פון דיין פאלק זאלסטו ניט שעלטן דאס איז גמיינט ווען ער טוט אזו וויא איין ישראל גהער צו טון אבר הורדוס האט דאך ניט גיטון אזו וויא איין ישראל גהער צו טון אזו מעגסטו אים שעלטן האט בבא בן בוטא צו אים גזאגט איך פארכט מיך טאמר איז איינר דא וואס ווערט עס הערן אונ ווערט גיין אונ זאגן דעם מלך האט הורדוס צו אים גזאגט עס איז דאך דא קיינר ניט דא וואס זאל דעם מלך אום זאגן הט בבא בן בוטא צו אים גזאגט עס שטייט אונ פסוק דו פויגל וואס פליען אונטר דעם הימל דו זאגן אלע זאכן האט הורדוס צו אים גזאגט איך בין דער מלך אונ ווען איך זאל גוועז ווייסן דס איר רבנים זענט אזו בצניעות מיט אייערע זאכן אונ דס איר זענט אזו פרום אזו וואלט איך אייך ניט גהארגת היינט זאג מיר וואס פר איין תיקון קען איך האבן אויף מיין חטא וואס איך האב גיטון הט בבא בן בוטא צו אים גזאגט דו האסט פר לאשן דו ליכט פון דער וועלט דאס זענען דו תלמידי חכמים אזו וויא אונ פסוק שטייט דו תורה איז איין ליכט גייא אונ בויא אויף דו ליכט פון דער וועלט דאס איז דער בית המקדש אזו וויא אונ פסוק שטייט דער בית המקדש ווערט לייכטן צו אלע פעלקר נוא זעהן מיר דס דו תלמידי חכמים זענן דו ליכט פון דער וועלט · (וגרסינן) אויך לערנן מיר אונ ויקרא רבה עס שטייט אונ פסוק ווען איר ווערט היטן מיינע מצות ווערט איך וואל גיין אונ איר ווערט לאנג לעבן · זאגט בר קפרא דו נשמה אונ דו תורה זענען געגליכן צו איין ליכט דען ביי דער נשמה שטייט (נר הי נשמת אדם) אונ ביא דער תורה שטייט כי נר מצוה ותורה אור זאגט גאט צום מענשן מיין ליכט פון דער תורה איז אונ דיין האנט אונ דיין ליכט דאס איז דו נשמה איז אונ מיין האנט ווען דו ווערסט היטן מיין ליכט פון

דער

דער תורה אזו וועל איך הוטן דיין לובט דאס איז די נשמה און ווען די
וועסט פר לעשון מיין לובט פון דער תורה אזו וועל איך פר לעשון דיין לובט
דס איך וועל דיין נשמה אוועק נעמון און דאס לערין איך אפו פון דעם
פסוק זייא גהיט און הוט זייער דיין לייב כלומר הוט די תורה אזו וועט דיין
לייב דורך דעם גהיט ווערון · און דאס איך מיינט דער פסוק כי אם
שמור תשמרון זאגט רבי שמעון עס איז א משל צו צווי מענשן איינר הט
אגארטן און דעם לאנד גליל און וואנט אין לאנד יהודה און איינער הט
איין גארטן און לאנד יהודה און וואנט און לאנד גליל אזו זאגט דר מענש
פון דעם לאנד גליל צו דעם מענשן וואס וואנט און לאנד יהודה הוט די
מיין גארטן אזו וועל איך הוטן דיין גארטן · אזו איך זאגט הקב"ה צום מענשן
מיין תורה איז און דיין האנט און דיין נשמה איז און מיין האנט ווען די
וועסט הוטן מיין תורה אזו וועל איך הוטן דיין נשמה און ווען די וועסט
מאכון פר לורון מיין תורה אזו וועל איך מאכון פר לורון דיין נשמה דרום
זאגט דער פסוק (כי אם שמור תשמרון) ווען איר וועט הוטן מיין תורה וועט
איר גהיט ווערון · איך זאגט רבי מאיר וואל דעם מענשן וואס קומט זיך
דיא תורה דען זו הוט דעם מענשן פון דעם ביזון וועג אזו וויא און פסוק
שטייט ווען די וועסט גיין וועט דיך די תורה פורון און רעכטן וועג:

פרק כז (תלמידי חכמים כשהן ביחד) ווען די תלמידי חכמים זענון ביי
אנאנדר מוזון זיי רעדן און די רייד פון דער תורה און זאלן
אלע אנדערע רייד לאזון שטייט אזו וויא מור לערנן און פרקי אבות ווען
לייט זיצון ביי אנאנדר מוזון זיי רעדון תורה · איך לערנן מור און סוטה רבי
אלעזר בר ברכיה זאגט ווען צווי תלמידי חכמים גייאן און וועג און רעדן
ניט קיין דברי תורה זענון זיי ווערט צו פר ברענט ווערון אזו וויא און פסוק
שטייט אליהו הנביא און אלישע הנביא זענון מוט אנאנדר גגאנגן און וועג
און האבון גירעט און דער תורה אזו זענון גקומון פייארינע ווענן און
פייארינע פערד און האבון איין צווישון שייד גמאכט צווישן אליהו און צווישן
אלישע און קיינר איז נוט ניזוק גווארן ווייל זיי האבון גרעט און דר תורה
אבר ווען זיי וואלטן נוט גרעט און דער תורה וואלטן זייא ווערט גוועזן צו פר
ברענט ווערון · (וגם יש ליזהר) איך זאל דר מענש נזהר זיין פון די זאכון
וואס מאכון פר געסון דאס לערנן און זאל זיך גוויינן און זאכון וואס העלפן
דאס מען זאל גדענקן דאס לערנן אזו וויא מור לערנן און דר גמרא פונף
זאכון מאכון פר געסון דאס לערנן ווען ער עסט פון דעם וואס איין עכבר
אודר איין קאץ האט דער פון געגעסן און ווען ער עסט איין הארץ פון איין
בהמה

בהמה אונ ווען ער עסט פיל אייל בירטן אונ ווען ער טרינקט וואסר וואס איז איבר געבליבן פון די הענט וואשין אונ ווען ער וואשט זיינע פוס איינע אויף דעם אנדרן · אונ אטייל זאגין ווען ער לייגט זיינע קליידר ביי זיך צו קאפינם פר געסט ער אויך דאס לערנן אונ פינף זאכין מאכין דאס ער דער מאנט זיך אונ זיין לערנן ווען ער עסט ווייצין ברוט אונ ווען ער עסט ווייץ איז נאך בעסר אונ ווען ער עסט איין איי וואס איז ווייך איין גבראטן אן זאלץ אונ ווען ער עסט פיל בומול אונ ווען ער איז געוויינט מיט פיל ווין אונ בשמים אונ ווען ער טרונקט דאס וואסר וואס איז איבר געבליבן פון דער וואסר וואס מען האט דער מיט טייג גקנעטן אונ איין טייל זאגין ווען ער טינקט איין זיין פינגער אונ זאלץ אונ עסט דם איז אויך גוט · (עשרה דברים קשים לתלמיד) צעהן זאכין זענין שווער צום לערנן מען קען איבר זיי נוט רעכט פר שטיין אונ גדענקן דאס לערנן ווער עס גייט דורך אונטר איין זאטל פון איין קעמיל אונ מכל שכן ווען ער גייט דורך אונטר דעם קעמיל אליין דם איז פשיטא שווער צום לערנן אונ ווער עס גייט דורך צווישין צוויי קעמלן אונ ווער עס גייט דורך צווישין צוויי ווייבר אונ ווען איין אשה גייט דורך צווישין צווייא מאנזבלן איז זיי אויך שווער דאס לערנן אונ ווער עס גייט דורך אונטר איין ברוק וואס קיין וואסר איז אונטר אים נוט גגאנגן פערציג טאג אונ ווער עס עסט ברוט וואס איז נוט רעכט איין גבאקין אונ ווער עס עסט פלייש פון איין שוים לעפיל אונ ווער עס טרונקט פון איין שנראם וואסר וואס לופט דורך אונ בית הקברות אונ ווער עס זעהט איין מת אונ פנים אונ איין טייל זאגין ווער עס לייגט דם כתב פון די מצבות ד"ם איז אויך שווער זיין לערנן אונ ווען די תלמידי חכמים וועלין נזהר זיין אונ די זאכין וועט זייער תורה זיין גשטארקט :

פרק כח (הלמד תורה ומקיימה) ווער עס לערנט תורה אונ האלט זיא אזו וויא עס געהער צו זיין דער ווערט גרופין צדיק אונ דר וואס טוט מיין וויא ער געהער צו טון דער ווערט גרופין איין חסיד אונ דאס ווערט גרופין לפנים משורת הדין אונ דרויף האבן די חכמים גזאגט אונ פרקי אבות איין עם הארץ קען קיין חסיד נוט זיין · אויך לערנן מיר אונ מסכת שבת עס שטייט אונ פסוק דער מענש גייט צו זיין וועלט · זאגט רבי יצחק דאס לערינט אונז דאס צו איטלעכן צדיק מאכט מען אוואנוינג אויף יענים עולם נאך זיין כבוד נאך · עס איז אמשל צו אמלך בשר ודם וואס ער גייט אריין מיט זיינע קנעכט אונ איין מדינה איז גייאון זיי אלע גלייך אונ איין טויער אריין אונ ווען זיי נעכטיגן איבר איז גוט מען צו איטליכן

איין

איין וואונג נאך זיין כבוד נאך אזו אזו אויך מיט די מענשן דאס אלע שטארבן גליך אונ גייאן אויף יענים עולם אבר דע׳ נאך גוט מען איבלבן וואונג נאך זיין כבוד נאך׳ אויך לערנען מיר אונ מסכת תענית רבי אליעזר זאגט לעתיד לבא וועט גאט מאכן איין טאנץ צו די צדיקים אונ גן עדן דאס זיי וועלן אלע אונ ארום שטיין אונ גאט וועט שטיין אונ מיטן אונ איטלעכער וועט וויזן אויף גאט דאס איז אונזער גאט דם מיר האבן צו אים געהאפט היינט לאמיר זיך פרייאן אונ לוסטיג זיין מיט זיין הילף׳ אויך לערנן מיר עס שטייט אונ פסוק די נשמה טיט זיך אום קערן צו גאט וואס ער הט זי געגעבן דאס איז גמיינט די זאלסט די נשמה אזו ריין אפ געבן צו גאט אזו וויא ער האט זי דיר געגעבן עס איז איין משל צו איין מלך בשר ודם וואס ער האט אוים גטיילט בגדי מלכות צו זיינע קנעכט דיא קליגע האבן גנומן די קליידר אונ האבן זיי צו נוף גלייגט אונ האבן זיי גלייגט אונ איין קאסטן דאס זייא זאלן ריין זיין אבר די נארן האבן דיא קליידר אן גיטון אונ האבן אונ זיי געטון איין מלאכה׳ אונ וויא דר מלך האט גוואלט זיינע קליידר׳ האבן די קליגע קנעכט אפ געגעבן די קליידער ריין אונ די נארן האבן די קליידר אפ גגעבן איין גירעכט אזו האט דער מלך גצערנט אקעגן די נארן אונ האט זיך גפרייט אקעגן די קליגע אונ האט גזאגט מען זאל די קליידר טון אונ דעם אוצר אונ זיי זאלן גיין בשלום אהיים אונ אויף די נארן הט ער גזאגט מען זאל געבן די קליידר צו וואשן אונ זייא זאל מען זעצן אונ דער תפוסה אונ דער משל איז גזאגט אויף דעם מענשן דאס גאט גיט אים איין ריינע נשמה׳ דער צדיק היט זיך אונ טוט קיין עבירה ניט אונ גיט זיין נשמה ווידר ריין אפ אבר די רשעים שמירן איין זייער נשמה מיט עבירות אונ געבן זוא אפ איין גרעכט׳ אויף דעם גוף פון די צדיקים זאגט גאט ער זאל קומן מיט שלום אונ זיי זאלן רואן אויף זייער גלעגר אונ אויף זייער נשמה זאגט דר פסוק די נשמה זאל זיין אן גבינדן אונ דעם בינד פון לעבן אונ אויף דעם גוף פון די רשעים זאגט דער פסוק (אין שלום אמר ה׳ לרשעים) עס זאל ניט זיין קיין שלום צו די רשעים׳ אויך לערנן מיר אונ דער גמרא שלמה הט גזאגט מיט זיין חכמה אלע צייט זאלן דיינע קליידר זיין ווייס דאס איז גמיינט דיין נשמה זאל זיין ריין׳ זאגט רבי יוחנן בן זכאי עס איז איין משל צו איין מלך בשר ודם וואס האט אן גבריט זיינע קנעכט אויף אסעודה אונ האט זיי קיין צייט ניט אפ גזייצט׳ די קליגע לייט האבן זיך מכין גוועזן אונ האבן זיך געצירט אונ האבן זיך גזעצט אויף דער טיר פון דעם הויז פון דעם מלך דען זיי האבן גזאגט גייט דען

עפום

עפום אפ אונ דעם הויז פון דעם מלך אזו קען דוא סעודה באלד אן גבריים
ווערון דרום וועלון מור זוך בצייטון צורון כדי ווען דער מלך וועט אונז רופון
זאלן מור באלד גיין · אבר די נארון זענון גגאנגן צו זייער ארבוט דע' זייא
האבון גזאגט אוז דען דא אסעודה וואס זאל דער ביי נוט זיין פיל טרחה
דרום האבון מור נאך פול צייט צו צורון זוך · אונ פליצלינג האט דער
מלך גשיקט נאך זיינע קנעכט דאס זיי זאלון גיך קומון אויף דער סעודה
אזו זענן די קליגע קנעכט אריין גגאנגן געצירט אונ די נארון זענון אריין
גגאנגן פר שמירט הט זוך דער מלך גפרייט אקעגן די קליגע אונ הט גצערנט
אקעגן די נארון אונ הט גזאגט די וואס האבון זוך גצירט צו דר סעודה
זאלון זוך זעצון אונ עסון אונ טרונקן אונ די נארון זאלון שטיין אונ
זאלון זעהן · אונ דער משל אוז גזאגט אקעגן דעם מענשן דר מלך אוז גאט
דאס ער האט אלע מענשן בשאפן אונ אלע מוזן שטארבן אבר דער מענש
וויסט נוט ווען ער וועט שטארבן די קליגע טואון זוך אן ברייטן מצות
אונ מעשים טובים דען זייא טראכטן זוך מור וייסון נוט ווען גאט וועט
אונז רופן אבר די נארון טראכטן מור האבון נאך לאנג צייט אונ טואון
זינדיגן אונ פליצלונג לאזט גאט דעם מענשן שטארבן אזו קומון די צדיקים
גצירט מוט מצות אונ מעשים טובים אובר די רשעים קומון איין גשמירט
מוט עבירות אזו פרייט זוך גאט אקעגן די צדיקים אונ זאגט זייא זאלון זוצן
ביי דעם טוש לעולם הבא אונ ער צערנט אקעגן די רשעים אונ זאגט זייא
זאלון שטיין אונ צו זעהן דעם כבוד פון די צדיקים · זיוואי דר איידם פון
רבי מאיר זאגט פון וועגן רבי מאיר ווען זיי וועלון שטיין אזו וועט עם זייא
קיין חרפה נוט זיין דען מען וועט מיינון זיי זענון סארביר גייערט זיי וועלן
אויך זיצן ביי דעם טוש אונ די צדיקים וועלון עסון אונ זיי וועלון הונגעריג
זיין די צדיקים וועלון טרונקן אונ זיי וועלון זיין דארשטיג די צדיקים וועלן
זיך פרייאן אונ זיי וועלון זיין טרוארוג · אונ דרוף האבן די חכמים גזאגט
אונ פרק אין עומדין אלע נביאים האבון מיין קיין נביאות נוט גזאגט נאר
אויף דעם גוטס וואס די ישראל וועלון האבן אונ די טעג פון משיח אבר
וואס פר איין גוטס זייא וועלון האבון לעולם הבא האט קיין אונ נוט גזעהן
נאר גאט אליין וייסט וואס פר איין גוטס ער וועט געבן צו די צדיקים וונ
האפון צו אום :

פרק כט (אע"פ) האטשו דער מענש אוז בהעפט מוט אגוף אונ איין נשמה
דער גוף אוז פון דער ערד אונ די נשמה אוז פון דעם הומול
פון דעסטוועגן ווען דער מענש אוז אויף דעם עולם אזו ברענגט דער גאטור
מוט

מוט דאס צום מיינסטן געוועלטיגט דער גוף איבר דער נשמה ווייל פון דעם אן הויב וואס דער מענש ווערט בשאפן גליסט ער נאך זאכן וואס נייט אן דעם גוף · אונ דאס האט די תורה מרמז געוועזן אונ דעם פסוק (לַפֶּתַח חַטָּאת רוֹבֵץ) דאס איז טייטש וויא באלד דער מענש קומט אויף דעם עולם גליסט ער נאך זאכן פון דעם גוף אונ די נשמה איז אן געבריט מוטו אור כח צו טון פיל גוטע מעשים · אונ דרום הט שלמה המלך געגליכן זיעם גוף צו איין אלטן נארושן מלך אונ די נשמה גלייכט ער צו איין ארום קלוג קינד אבר די מענשן דורך דעם בלינדקייט פון זייערע הערצר דער גרייבון זיי ניט דעם אמת פון דער וועלט אונ זוצון אונ פינסטרניש דורך דעם וואס זיי זענגן זייער אריין גוטון אונ די הנאות פון דער וועלט · אונ אויף זייא איז גזאגט אונ דעם ווסטניש וועלון זיי פר ניין אונ דארטן וועלון זייא שטארבן אבר די מענשן וואס זיי זענן נוט אזו אריין גוטון אונ דעם פינסטרניש אונ זיי האפון צו דער לוכט פון דעם מארגן שטערן דאס איז גמיינט די ליכט פון עולם הבא וואס דער מענש קומט אהין ווען ער שטארבט די וועלן דר גרייכן צו זעהן דאס אמתה ליכט אונ זיי וועלון איין בשטאנד האבן מוט זייער נשמה ביז איבונ אימלעבער נאך זיין מעלה נאך וויא ער איז ווערט:

פרק ל (כל הכופר בתחיית המתים) אימלעבר וואס לייקנט אונ תחיית המתים אודר אונ איין נס פון די נסים וואס שטיאן אונ דר תורה דער איז גלייך וויא ער לייקנט אונ דער תורה אונ ער האט נוט קיין חלק לעולם הבא אזו וויא מור לערנן אונ פרק חלק די רבנים האבון גלערנט דם זענן די לייט וואס האבון קיין חלק נוט לעוה״ב דער וואס זאגט זענן שטייט ניט אונ דער תורה דאס תחיית המתים וועט זיין · אויך זאגן מור אונ דר גמרא מור האבון גלערנט רבי סימאי זאגט וויא שטייט תחית המתים אונ דר תורה דען עס שטייט אונ פסוק דאס נאט זאגט אויך וועל מקיים זיין מיין ברית מוט אברהם יצחק ויעקב צו געבון זיי ארץ ישראל אונ גאט הט עס דאך צו זיי נוט גגעבן נייארט צו זייערע קונדר דרום איז דער פסוק גזאגט אויף תחית המתים דאס די אבות וועלון לעבדיג ווערון אונ גאט וועט צו זייא געבון ארץ ישראל דער פון לערנן מור אפ דאס תחית המתים שטייט אונ דר תורה · אויך זאגן מור אונ דער גמרא קלפתרא המלכה הט גפרעגט צו רבי מאיר אונ האט צו אום גזאגט אויך וויים וואל דם די מתים וועלן לעבדיג ווערון אזו וויא אונ פסוק שטייט די וועלון שפראצן אונ דער שטאט ירושלים פון דר ערד אזו וויא אגראז נייארט זאג מור ווען די מתים וועלון אויף שטיין

וועלין זיי אויף שטיין מיט זייערע קליידר אודר זיי וועלין אויף שטיין נאקט האט ער צו איר גזאגט עס איז אקל וחומר פון אווייץ דס זו ווערט בגראבן אין דער ערד נאקט אונ זו וואקסט ארויס מיט פיל קליידר דאס איז דיא זאנג וואס זו וואקסט דרונין מכל שכן די צדיקים וואס ווערין בגראבן מיט זייערע קליידר וועלין פשיטא אויף שטיין מיט זייערע קליידר ׃ (אמר ליה) דער מלך האט גזאגט צו רבן גמליאל איר זאגט די מתים וועלין לעבדיג ווערין זייא ווערין דאך ערד אונ וויא קאן ערד לעבדיג ווערין האט די טאכטר פון דעם מלך גזאגט צו רבן גמליאל שווייג די שטיל אונ איך וועל מיין פאטר ענטפרן האט זי צו אים גזאגט למשל מיר האבין צווייא טעפר אונ אונזער שטאט איינער מאכט טעפ פון וואסר אונ איינער מאכט טעפ פון ערד וועלכר איז אין גרעסרר מייסטר האט דער פאטר צו איר גזאגט דער וואס מאכט טעפ פון וואסר דער איז אין גרעסרר מייסטר האט זי צו אים גזאגט ווען ער קען פון וואסר מאכין טעפ קען ער דאך פון ערד פשיטא מאכין אזו איז אויך די זאך מיט דעם מענשן דאס ער ווערט פריער בשאפן פון זרע וואס זוא איז גלייך אזו וויא וואסר ׃ נוא ווען נאט קען איין מענשן בשאפן פון וואסר קען ער פון ערד פשיטא בשאפן ׃ אונ איין ברייתא האבן מיר אזו גלערנט די טאכטר פון דעם מלך הט איר פאטר אזו גענפרט עס איז איין קל וחומר פון איין גלעזערנע כלי וואס זי ווערט בשאפן דורך אמענש אונ ווען זוא ווערט צו בראכן אזו קען מען דר פון ווידר אגלאז מאכין מכל שכן אמענש דאס ער ווערט בשאפן פון גאט ווען ער ווערט צו בראכן אונ שטארבט אזו קען ער פשיטא ווידר בשאפין ווערין ׃ (אמר ליה) איין אפיקורס הט גזאגט צו גביהה בן פסיסא וויא צו אייך דאס איר זאגט דוא טוטע לייט וועלין לעבדיג ווערין דען מיר זעהן דאס די לעבדיגע לייט שטארבן אונ וויא וועלן דען די טוטע לעבדיג ווערין האט גביהה בן פסיסא צו אים גזאגט וויא צו אייך רשעים דאס איר זאגט דאס די מתים וועלין נוט לעבדיג ווערן דען דיא לייט וואס זענן נוט גוועזן אויף דער וועלט די ווערין געבורין מכל שכן דיא לייט וואס זענען שוין גוועזן אויף דער וועלט דוא וועלין פשיטא ווידער בשאפן ווערין ׃ אויך זאגן מיר אונ דער גמרא רבא האט גפרעגט עס שטייט אונ פסוק איך טייט דעם מענשן אונ מאך אים לעבדיג איך טוא אים וויגדן אונ טוא אים ווידר היילין איז קשה ווען נאט קען אטויטן מענשן לעבדיג מאכין קען ער פשיטא אים היילין פון זיינע וויגדן אזו האט דער פסוק עס ניט גדארפט צו שרייבן נייארט עס איז אזו גמיינט דאס גאט זאגט איך טוא דעם מענשן טייטין אונ טוא אים ווידר לעבדיג מאכין אונ ווער עס הט גהאט

גהאט איין מום ווען ער איז געשטארבן דער וועט איך שטיין מיט דעם איינענם מום כדי די מענשן זאלין וויסין דאס איז דער איינער מענש וואס איז געשטארבן מיט איין מום אונ דער נאך וועט אים גאט היילן פון זיינע ווינדן׳ (תניא) מיר האבין געלערנט רבי זאגט וויא שטייט תחיית המתים אין דר תורה דען עס שטייט אין פסוק אז ישיר משה ובני ישראל שטייט ניט שר דאס איז טייטש ער הט געזונגן נייארט עס שטייט ישיר דס איז טייטש ער וועט זינגן דאס איז גמיינט לעתיד לבא וועט משה זינגן מיט כל ישראל נוא זעהן מיר דאס משה אונ כל ישראל וועלין לעבדיג ווערן (תאנא דבי אליהו) מען האט געלערנט אונ דער ישיבה פון אליהו אלע צדיקים וואס וועלין לעתיד לבא לעבדיג ווערן וועלין זייא זיך שוין ניט אום קערין צו דער ערד נייארט זיי וועלין איביג לעבין׳ דר פון לערנן מיר אפ דאס תחיית המתים שטייט אויף פיל ערטר אן געוויזן אין דר תורה אונ דער פון לערנן מיר אפ דאס דער מענש איז מחויב צו גלייבן אונ דער דאזיגר זאך וואס דס איז דר כלל פון אלע נסים אונ ווער עס לייקנט אונ דעם איז גליך וויא ער לייקנט אונ דער גאנצר תורה אונ ווער עס גלייבט דרינן אונ פירט זיך אונ גלייכן וועג אונ האפט צו דער הילף פון גאט אונ האפט צו תחיית המתים דער וועט עס זוכה זיין צו זעהן תחיית המתים עס זאל זיין במהרה בימינו אמן :

פרק לא (יש לו לאדם ללמוד מורא שמים) א מענש נהער זיך אפ צו לערנן צו מורא האבין פר גאט מיט איין קל וחומר וויא מען האט מורא פר א מענשן אונ ער זאל זיך טראכטן אונ זיין הארצן ווען א מלך בשר ודם זאל אים עפים בפעלן דאס חאטשע ווען ער וועט עובר זיין אויף זיין אן זאגין קען דאך זיין דאס ער זאל די זאך פר הולן דם דר מלך זאל די זאך ניט גוואר ווערין אונ ווען אפילו דער מלך וועט די זאך גוואר ווערין קען זיין דאס דער מלך וועט אים ניט קענין טון דען ער וועט אוועק לופין אונ איין אנדר מדינה׳ אונ פון דעסטוועגן הט דר מענש מורא אונ טוט זיך פר אים תמיד פארכטן נוא וואס געהער שון דער מענש צו טון פון וועגן דער מורא פון גאט וואס עס קען גאר ניט פר באהגן ווערן פון אים אונ עס ווערט ניט פר געסין פר אים אונ זיין מאכט גווערט ביז איביג אונ ווען שון דאס גאט דער לענגרט זיין צארן צו איין מענשן בעולם הזה וועט ער דאך פון אים בצאלט ווערין בעולם הבא ווי צו אים אונ צו זיין מזל אויף זיין חוב ווען מען ווארט אים לאנג אונ ווען ער טוט קיין תשובה ניט וויא איז צו אזו איין בושה אונ צו איין שאנד וואס ער וועט

האבין

הָאבּוּן לְעוֹלָם הַבָּא · אוּנ פוּן דֶעסְטְוֶועגְן אִיז עֶס נִיט גְאַכְט אוּנ דִי אוֹיגְן פוּן דִיא מֶענְשְׁן וָואס גֵייאוּן אוּנ דֶער פִינְסְטֶערְנִישׁ דָאס זֵיי קוּקְן נִיט אוּנ דִי אַלֶע זַאכוּן אוּנ עֶס אִיז גְרֶעסֶר אוּנ זַייעֶרֶע אוֹיגְן דִי מוֹרָא פוּן אֵיין מֶענְשְׁן מֵיין וִויא דִי מוֹרָא פוּן גָאט · אַזוֹ וִויא מִיר לֶערְנְן אוּנ דֶער גְמָרָא פוּן בְּרָכוֹת וִויא רַבִּי יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי אִיז קְרַאנְק גְוָוארְן זֶענְן זַייגֶע תַּלְמִידִים אִים גַנְאנְגְן מְבַקֵר חוֹלֶה זַיין הָאבּוּן זֵיי צוּ אִים גְזָאגְט רַבִּי בֶּענְשׁ אוּנְז הָט עֶר צוּ זֵיי גְזָאגְט עֶס זָאל זַיין דֶער ווִילְן פוּן גָאט דָם אוּר זָאלְט פַר גָאט מוֹרָא הָאבְּן אַזוֹ וִויא פַר אַמֶענְשׁ · הָאבּוּן זֵיי צוּ אִים גְזָאגְט רַבִּי זָאלוּן מִיר דֶען פַר גָאט נִיט מֶער מוֹרָא הָאבּוּן וִויא פַר אֵיין מֶענְשְׁן הָאט עֶר צוּ זֵייא גְזָאגְט וָוער וָואלְט גְגֶעבְּן עֶס זָאל חָאטְשׁוּ אַזוֹ זַיין דֶען וֶוען דֶער מֶענְשׁ טוּט אֵיין עֲבֵירָה אוּנ פַר בָּארְגֶענְשׁ וְויל עֶר קֵיין מֶענְשׁ זָאל נִיט זֶעהְן אוּנ עֶר וְויסְט דָאךְ וואל דָאס גָאט זֶעהְט אַלְץ אוּנ עֶר טוּט דָאךְ אֵיין עֲבֵירָה נוּא גֶעפִינְן מִיר דָאס דֶער מֶענְשׁ הָאט מֶער מוֹרָא פַר אַמֶענְשׁ וִויא פַר גָאט · (וּיִרְאַת הַשֵׁם) אוּנ גָאטְס פָארְכְטִיקַייט הָאט דֶער מֶענְשׁ אוּנ זַיין רְשׁוּת דָם עֶר קֶענְן זִיךְ דְרוּנוּן גְוֵוייֶענְן וִויא פִיל עֶר וְויל אוּנ דָאס אִיז דֶער גְרוּנְד פוּן אַלֶע גוּטֶע זַאכוּן אַזוֹ וִויא מִיר לֶערְנְן אוּנ פֶּרֶק אֵין עוֹמְדִין · רַבִּי חֲנִינָא זָאגְט אַלֶע זַאכְן זֶענְן אוּנ דֶער הַאנְד פוּן גָאט נָאר יִרְאַת שָׁמַיִם אִיז אוּנ דֶעם מֶענְשְׁנְס רְשׁוּת דָאס עֶר קֶען זַיין פְרוּם אוֹדֶר נִיט · דְרוּם זָאל אִיטְלִיכֶר פַר שְׁטֶענְדִיגֶר מֶענְשׁ מֶערוּן אוּנ גָאטְס פָארְכְט אַלֶע טָאג אוּנ עֶס זָאל זַיין תָּמִיד גָאטְס פָארְכְט אַקֶעגְן זַייגֶע אוֹיגוּן אוּנ עֶר זָאל קֶלֶערוּן אַלֶערְלֵייא קְלִיגְקֵייט צוּ מֶערוּן אוּנ גָאטְס פָארְכְטִיקַייט אוּנ זָאל מִיט וֵוייכֶע רֵייד אִיטְלֶעכְן עֶנְטְפֶערְן אוּנ עֶר זָאל זַיין צָארוּן אֵיין הַאלְטְן אוּנ זָאל מִיט שָׁלוֹם רֵיידוּן מִיט זַייגֶע בְּרוּדֶר אוּנ מִיט זַייגֶע קְרוֹבִים אוּנ מִיט אַלֶע מֶענְשְׁן אוּנ אֲפִילוּ מִיט אֵיין גוֹי וָואס גֵייט אוֹיף דֶער גַאס זָאל עֶר אוֹיךְ מִיט שָׁלוֹם רֵיידוּן כְּדֵי עֶר זָאל גֶעלִיבְּט זַיין אוּנ הִימֶל אוּנ גְלוּסְטִיג אוֹיף דֶער עֶרְד בַּיי דִי לַייט דֶר פוּן לֶערְנְן מִיר אָפ דָם גָאטְס פָארְכְטִיקַייט אִיז דֶר גְרוּנְד פוּן אַלֶע גוּטֶע מִדּוֹת :

פרק לב (כָּל מִי שֶׁחָקוּקָה בְּלִבּוֹ יִרְאַת שָׁמַיִם) אִיטְלִיכֶר מֶענְשׁ וָואס עֶס אִיז אֵיין גֶעגְרָאבְּן אוּנ זַיין הַארְצְן גָאטְס פָארְכְט דֶער הָט אֵיין גְרוֹיסְן

שָׂכָר אוּנ גָאט וֶועט אִים בְּצָאלְן מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה דָאס דִי לַייט וֶועלוּן פַר אִים מוֹרָא הָאבּוּן אוּנ זַייגֶע רֵייד וֶועלוּן דֶער הֶערְט וֶוערוּן אוּנ עֶר וֶועט חָשׁוּב וֶוערוּן אַזוֹ וִויא מִיר לֶערְנְן אוּנ דֶער גְמָרָא פוּן בְּרָכוֹת · רַבִּי חֶלְבּוֹ זָאגְט פוּן וֶועגוּן רַב הוּנָא דֶער מֶענְשׁ וָואס הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם אַזוֹ וֶועלוּן לְבַסוֹף זַייגֶע רֵייד דֶער הֶערְט וֶוערוּן אַזוֹ וִויא אוּנ פָּסוּק שְׁטֵייט דֶר סוֹף פוּן דֶר

זאךְ

זאך אוז דאס אלע זיינע רייד וועלין דער הערט ווערין פון דעם וואס האט מורא פר גאט אונ הוט זיינע מצות שטייט ווייטר אונ פסוק (כי זה כל האדם) זאגט רבי אלעזר עס אוז גמיינט די גאנצע וועלט איז נאר בשאפן גווארין פון וועגין דעם וואס האט מורא פר גאט · (וגם בזכות היראה) אונ אויך דורך דעם זכות פון דער יראה לעבט ער לאנג אזו וויא מיר לערנין אונ דר גמרא פון יומא רבי יונתן זאגט וואס מיינט דר פסוק די יראה פון גאט מערט טעג אונ די יארין פון די רשעים ווערין פר קורצט די יראה פון גאט מערט טעג דאס גייט אוף דעם ערשטן בית המקדש וואס ער איז גשטאנן פיר הונדרט אונ צעהן יאר אונ עס האבין נאר אונ אום געדינט אכצן כהנים גדולים אונ די יארין פון די רשעים ווערין פר קורצט דאס גייט אויף דעם אנדרן בית המקדש וואס ער איז גשטאנן פיר הונדרט אונ צוואנציג יאר אונ עס האבין אונ אום געדינט מיין פון דרייא הונדרט כהנים גדולים נעם דער פון ארויס פערציג יאר וואס שמעון הצדיק איז גוועזן איין כהן גדול אונ אכציג יאר וואס יוחנן איז גוועזן איין כהן גדול אונ צעהן יאר וואס יוחנן בן גרבאי איז גוועזן איין כהן גדול אונ עלף יאר וואס אלעזר בן חרסום איז גוועזן איין כהן גדול אונ ווען די וועסט אום רעכנן אזו האבין די אנדרע כהנים גדולים קיינר קיין יאר נוט אום גלעבט אונ דאס איז דרום גוועזן וויל זייא האבן עס פר געלד גקויפט דען רב אשי האט גזאגט דרייא מאס געלד האט מרתא בת ביתוס גגעבן צו ינאי המלך דאס מען זאל אור מאן יהושע בן גמלא מאבין פר איין כהן גדול · (ואע״פ) אונ חאטשו דאס דער שכר פון דער יראה איז אזו גרוס זאל דאך דער מענש זיין כוונה נוט האבין פון וועגין דעם שכר אזו וויא מיר לערנין אונ פרקי אבות אנטיגנוס איש סוכו הט זיין לערנין מקבל גוועזן פון שמעון הצדיק דר האט אזו גזאגט איר זאלט נוט זיין אזו וויא די קנעכט וואס דינען זייער הארין פון וועגין צו נעמן שכר נייארט איר זאלט זיין אזו וויא די קנעכט וואס דינען זייער הארן פון וועגין לוב ש׳פט אונ נוט פון וועגין שכר אונ עס זאל זיין גאטס פארכט אוף אייך דס קומט צו לערנן אונז דאס חאטשו דער שכר פון איין צדיק איז גרוס זאל ער דאך זיין כוונה נוט האבן פון שכר וועגן נייארט גאר זיין דינסט וואס ער טוט זאל זיין פון וועגין גאטס פארכט אונ פון וועגין גאטס לוב שאפט אונ דר גרוסר שכר וועט לבסוף ממילא קומן :

פרק לג (אדם שחשקה נפשו באשה אחת) איין מענש וואס זיין לייב גלוסט צו איין אשה אזו וועט ער טואן זיין לייב אונ זיין געלד אונ איין סכנה כדי ער זאל דר גרייכון וואס זיין לייב האט לוב אבר ער וועט זיך נוט טון

# קיצור מנורת המאור פל"ג

טון אפילו אונ איין קליינע כונה ווען ער דאט זו נוט ליב נייארט פון וועגן וואס מען וועט אום זאגון דאס ער וועט דער גרייכון כבוד אודר עושר פון איר ט וועגון דען קיין מענש אכט קיין זאך נוט ווען ער טוט עס פון וועגון ליבשפט אזו אוך ווען דער מענש לערנט תמיד פון וועגון ליבשאפט אזו וועט ער פון וועגון דער תורה פר לאזון אלע תענוגים אונ הנאות פון דער וועלט אונ ער וועט זוך באהעפטן אונ תורה לערנן בוז ער וועט איין וועצן אונ זיין הארצון אלע קליגליכע זאכון פון דער תורה אונ ער וועט אלץ העכר קומון מוז זיין לערנן פרוער וועט ער לערנן זאכון וואס מען מוז צום ערשטן לערנן אונ דר נאך וועט ער לערנן זאכון וואס מען מוז צום אנדרן לערנן · אונ דער נאך וועט ער לערנן די דינים פון דער תורה אונ אלע ספרים וואס דארשנן אונ בשיידון די תורה אונ דער נאך וועט ער לערנן טופע חכמות צו וויסון אלע נאטורן פון אלע בשעפניש וואס צווישן הומל אונ ערד אוז · אונ דר נאך וועט ער לערנן די היליגע קבלה וואס געטליכע זאכון אונ סודות פון דער תורה שטייט דרונון · אונ ער וועט אלץ קומון פון אמדריגה צו דר אנדערר בוז ער וועט אוף דעם לייטר ארוף גיין נאך דעם גרוסקייט פון זיין חכמה (וכל זה) אונ דאס אלץ וועט אום קומון נאך דעם גרוסון חשק וואס ער וועט גליסטן אונ דער חכמה פון דער תורה · אבר ווען ער וועט לערנן כדי ער זאל דער גרייכון דורך דעם עושר אודר כבוד אזו וויל זיין כונה אוז נוט צו זיין קלוג אונ דער תורה דרום וועט ער נוט בגליקן אונ דער זאך אונ מכל שכן ווען ער וועט זעהן דאס ער קען אונ איין אנדר וועג קרוגון עושר אונ כבוד מיין וויא ער וועט קרוגון מוט זיין לערנן אזו וועט ער פשיטא פר לאזון זיין לירנן · דרום האט די תורה גזאגט לערן פון וועגון ליבשאפט אזו וויא מור לערנן אונ דער גמרא פון נדרים מור האבון גלערנט עס שטייט אונ פסוק דו זאלכט לוב האבון גאט דיין גאט וואס דו זאלסט צו הערון אונ זיין קול אונ זאלכט דוך בהעפטן אונ גאט דאס אוז גמיינט דאס דער מענש זאל נוט זאגון אוך וועל לערנען פסוק כדי מען זאל מוך רופון רבי אוך וועל לערנן גמרא כדי אוך זאל זיין איין רב אונ זאל זוצון אובון אן אונ דר ישיבה נייארט דו זאלסט לערנן פון וועגון גאטס ליבשאפט אונ דער כבוד וועט לבסוף קומון אזו וויא אונ פסוק שטייט קנופ די תורה אן אוף דיין האלז אזו וויא איינער קניפט אן איין גליבטע קייט אוף זיין האלץ אזו וויא מור האבון אובון גשריבן · (וגם בן) אונ אויך האבן דוא חכמים גזאגט אונ ספרי טאמר וועסטו זאגן אוך וועל לערנן כדי אוך זאל זיין איין עושר אודר כדי אוך זאל זיין איין רבי

אודר

אודר כדי אוך זאל האבון שכר לעולם הבא · דרום זאגט דער פסוק דוא זאלסט לוב האבון גאט דיין גאט דאס דו זאלסט אלץ טון פון וועגן גאטס ליבשאפט · (וגרסינן נמי) אויך לערנן מיר אונ מסכת ברכות מיר האבן גלערנט רבי אליעזר הגדול זאגט עס שטייט אונ פסוק דו זאלסט גאט לוב האבון מיט גאר דיין ליב אונ מיט גאר דיין געלד · איז קשה ווען עס שטייט דו זאלסט גאט לוב האבון מיט גאר דיין ליב ווארום שטייט דוא זאלסט גאט לוב האבון מיט גאר דיין געלד אונ ווען עס שטייט דו זאלסט גאט לוב האבון מיט גאר דיין געלד ווארום שטייט דו זאלסט גאט ליב האבון מיט גאר דיין ליב נייערט עס איז אזו גמיינט עס איז דא איין מענש וואס זיין ליב איז אים ליבר פון זיין געלד דרום זאגט דער פסוק דוא זאלסט גאט לוב האבון מיט גאר דיין ליב · אונ עס איז דא איין מענש וואס זיין געלד איז אים ליבר פון זיין לייב דרום זאגט דר פסוק דו זאלסט גאט לוב האבון מיט גאר דיין געלד דען מען מוז גאט לוב האבון מיט די זאכון וואס זענון צום ליבסטן · די רבנים האבון גלערנט עס איז געוועזן איין מעשה דאס רבי עקיבא האט זוך גלאזט ממית זיין פון וועגון גאטס ליבשאפט אזו וויא מיר האבון אובון די מעשה גשריבן · (ואם מצינו) אונ ווען מיר געפינן דאס די פר צייטיגע לייט האבון זוך גוטון אונ גרוסע סכנות אונ האבון זוך גלאזט ממית זיין פון וועגון קידוש השם דאס זייא זאלן לערנן וואס געהער מען שון צו טון נוט אונ די צייטון פון גזירות דאס מען מעג לערנן אזו געהער דער מענש פשוטא צו לערנען מיט חשק פון וועגון ליבשאפט לשם שמים דען וועלין אים אלע לייט לוב האבון וויל זיי וועלן זוך מקנא זיין אונ אים אונ אין זיינע גוטע מדות אונ אין זיין לערנן אונ אין זיינע עצות · אונ גאטס נאמון וועט דורך אים גליבט זיין אזו וויא מיר לערנן אונ פרק יום הכפורים מיר האבון גלערנט עס שטייט אונ פסוק דו זאלסט לוב האבון גאט דיין גאט דאס איז גמיינט די זאלסט גוטע מעשים טון דאס גאטס נאמון זאל דורך דור גליבט זיין אזו וויא מיר האבן אובון שוין גשריבן · דרום איטליכר וואס וויל זוך בהעפטן אונ דעם ליבשאפט פון גאט אונ דם גאטס רייד זאל זיין גליבט דורך אים אונ דאס עס וויל דר גרייכן די חכמות פון דער תורה אזו זאל ער לערנען פון וועגון גאטס ליבשאפט אונ זאל דר פולון זיין חשק אונ דער תורה אונ דער כבוד וועט דער נאך אליין קומן :

פרק לד (הראשון שנברא בעולם) דער ערשטר מענש וואס איז בשאפון געווארן אוף דער וועלט וואס האט גלערנט פון וועגון גאטס

לובשפט

# קיצור מנורת המאור פל״ד

לובשאפט דער איז געווען אברהם אבינו עליו השלום אונ ער האט דער גרייכט דאס אמתה גלייבין אונ דער צייט וואס זיין גאנץ דור זענען געווען פר אורט אונ האבן גאט נוט גקענט אונ ער האט גאטס גלויבין מפרסם געווען אוף דר וועלט אונ ער האט גרופן אלו כופרים אונ נארן אונ האט צו זייא גדרשת דאס אמתה גלובין אזו וויא מיר לערנן אונ ספרי עס שטייט אונ פסוק (ואהבת את ה׳ אלהיך) דאס איז טייטש דוא זאלסט גאט גלובט מאכן בייא דיא לייטן אזו וויא אברהם אבינו האט גטאן אזו וויא אונ פסוק שטייט דו לייבר וואס זייא האבן בשאפן אונ חרן דס איז גמיינט אברהם אבינו הט זייא גבראכט צום רעכטן גלובין דאס זייא האבן זיך בשוצט אונטער די פליגל פון דר שכינה אזו ווערט עס אום גרעכונט גלייך וויא ער האט זיי בשאפן (וכל זה) אונ דאס אלץ איז גקומן פון וועגין דעם לובשאפט וואס אברהם הט גהאט צו גאט אונ גאט הט אום לוב גהאט אונ פון וועגן דם לובשאפט האט גאט גרופן צו זיינו קונדר דוא קונדר פון אברהם מיין לוב האבר אונ אברהם איז בשטאנן אונ פיל ארלייא פרוב אונ האט זיך גטאן אונ פיל סכנות פון וועגון גאט אונ וען נוט דאס ער האט גדינט גאט פון וועגן לובשאפט אזו וואלט ער נוט בשטאנן אונ דוא פרוב (ויש לנו) אונ מיר גהערן אפ צו לערנן פון אברהם אבינו דאס אונזר דינסט צו גאט זאל זיין פון וועגן לובשאפט אוך גהערן מיר אפ צו לערנן פון איוב דם עס האט זיך אום גטראפן פיל בייזו קרענק אונ זיין לייב אונ אונ זיינו בהמות אונ אונ זיינו קונדר אונ אונ זיין געלד אונ ער איז דאך גבליבן שטיין אונ זיין גאנצקייט פון וועגן גאטס לובשאפט אזו וויא מיר לערנון אונ מסכת סוטה אונ דעם טאג האט רבי יהושע בן הורקנוס גדרשת איוב האט נאר גאט גדונט פון וועגון לובשאפט אזו וויא אונ פסוק שטייט איוב האט גזאגט (הן יקטלני לו איחל) ווען מען זאל מיך הארגנון טוא איך דאך צו גאט האפן אונ איך וויים נאך נוט וויא דאסווארט (לו) איז טייטש דען עס שטייט מיט איין א אונ מען לייגט מוט איין ואו אזו וויים איך נוט אוב עס איז טייטש איך וועל צו אום האפן אודר איך וועל צו אום נוט האפן נייארט דוייל עס שטייט ווייטר אונ פסוק דאס איוב האט גזאגט ביז איך וועל פר גיין וועל איך נוט אפ טון מיין גאנצקייט פון מיר אזו לערון איך אפ דאס איוב האט גאט גדונט פון וועגון לובשאפט · האט רבי יהושע גזאגט ווער וואלט דאס מען זאל קענן אפ דעקון דוא ערד פון דיינו אוגון דוא רבי יוחנן בן זכאי דען דוא פלעגסט צו דרשנן אלו דיינו טעג דאס איוב האט נאר גאט גדונט פון וועגן פארכט אזו וויא אונ פסוק שטייט ער איז געווען

איין

איין גאנצער פרומער מאן אונ ער האט מורא גהאט פר גאט אונ רבי יהושע בן הורקנוס דאס ער איז נאר איין תלמיד פון דיין תלמיד רבי עקיבא זאגט דאס איוב האט גאט גדונט פון וועגן לובשאפט (ואמרינן עלה) אויך זאגן מיר אונ דר גמרא מיר האבן גלערנט רבי זגט עס שטייט ירא אלהים ביי אברהם אונ אויך ביי איוב זאג איך דאס אזו וויא אברהם האט גאט גודינט פון וועגן לובשאפט אזו האט איוב אויך גאט גודינט פון וועגון לובשאפט : אונ פון וואנון ווייסון מיר דס אברהם האט גאט גודינט פון וועגון לובשאפט דען עס שטייט אונ פסוק דאס גאט האט גזאגט די קונדר פון אברהם מיין לוב האבר פרעגט די גמרא וואס איז דער צווישן שייד צווישן דעם וואס דינט גאט פון וועגן לובשאפט אונ צווישן דעם וואס דינט גאט פון וועגן פארכט ענפרט די גמרא דער צווישן שייד . איז אזו וויא רבי שמעון בן אלעזר זאגט עס איז גרעסר דער שכר פון דעם וואס דינט גאט פון וועגן לובשאפט מיין פון דעם וואס דינט גאט פון וועגן פארכט דען דער וואס דינט גאט פון וועגן פארכט בלייבט זיין שכר נאר ביז טויזנד דורות אונ דער וואס דינט גאט פון וועגן לובשאפט בלייבט זיין שכר ביז צווייא טויזנד דורות דען עס שטייט אונ פסוק גאט טוט חסד צו צווייא טויזנד דורות צו מיינו לוב האבר אונ צו דיא וואס הוטון מיינו מצות אונ עס שטייט אונ פסוק גאט הוט זיין ברית אונ דעם חסד צו זיינו לוב דאבר אונ צו דיא וואס הוטון זיינע מצות פון וועגן פארכט צו טויזנד דורות אזו שטייט ביא די לייט וואס דינן גאט פון וועגן פארכט דס זייער שכר בלייבט ביז טויזנד דורות אונ דיא לייט וואס דינין גאט פון וועגן ליבשאפט בלייבט זייער שכר ביז צווייא טויזנד דורות : (הנהו תרי תלמידי) עס זענן גוועזן צווייא תלמידים וואס זענן גזעסן פר רבא איינר האט גזאגט מען האט מיר גלייגט אונ חלום דעם פסוק וויא זייער פיל איז דיין גוטס וואס דוא האסט בהאלטן צו די לייט וואס פארכטן זיך פר דיר ׃ אונ דער אנדרר דאט גזאגט מען האט מיר גלייגט אונ חלום דעם פסוק זייא יועלן זיך פרייאן אלו די וואס טואון זיך באשיצן אונ דיר זייא וועלן ביז איביג זינגן אונ וועלן זיך פרייאן דיא לייט וואס האבון לוב דיין נאמן הט רבא צו זיי גזאגט אייער חלום ווייזט אוס דס איר זענט אלו ביידו רעכטו צדיקים נייארט איינר פון אייך דינט גאט פון וועגון ליבשאפט אונ איינר פון אייך דינט גאט פון וועגן פארכט דרום הט אטליכר גזעהן אפסוק אין חלום נאך זיינו מעשים נאך : (ועל הלומדים מאהבה) אונ אויף די לייט וואס לערנן פון וועגן גאטס לובשאפט איז אויף זיי וואהרן גזאגט דער פסוק איך וועל מאכן ירשנון

צו

# קִיצוּר מְנוֹרַת הַמָּאוֹר פל״ד לה

צוּ מֵיינֶע לוּבּ הָאבֶּר פוּל גוּטְס אַזוֹ וִויא מִיר הָאבּוּן אוֹבּוּן גְשְׁרִיבֶּן דְרוּם וֶוער עֶס לֶערְנְט פוּן וֶוענִין לוּבְּשַׁאפְט אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ דֶער מַעֲלָה פוּן דֶר חָכְמָה אוּנ צוּ דֶעם שָׂכָר וָואס עֶס אִיז בַּהַאלְטְן צוּ דוּא צַדִּיקִים אוֹיף דֶער אֵייבִּיגֶר וֶועלְט וָואס אִיז גָאר גוּטְס :

פרק לה (אַף עַל פִּי שֶׁהָאָדָם מוּזְהָר) חָאטְשׁוּ דֶעם מֶענְשֶׁן אִיז פַר בָּאטְן דָם עֶר זָאל נוּט מְבַזֶּה זַיין קֵיין שׁוּם מֶענְשׁ מִכָּל שֶׁכֵּן דָאס עֶר זָאל נִיט מְבַזֶּה זַיין צוּ דִי קִינְדֶר יִשְׂרָאֵל וָואס זַייא וֶוערְן אָן גרוּפֶן קִינְדֶר צוּ גָאט אוּנ גָאט הָאט אֵלוּ יִשְׂרָאֵל גְלַייךְ גְרוּפוּן קִינְדֶר אוּנ הָט פַר בָּאטְן מֶען זָאל זַיי נִיט מְבַזֶּה זַיין אַבֶּר דֶער גרוֹסֶר פַר בָּאט אוּנ דֶער גְרוֹסֶר עוֹנֶשׁ אִיז צוּ דֶעם וָואס אִיז מְבַזֶּה אַתַּלְמִיד חָכָם דֶען מִיר גְפוּנוּן דָם דֶער מֶלֶךְ אָסָא אִיז דְרוּבֶּר גְשְׁטְרָאפְט גְוָוארוּן מוּט זַיין קְרֶענְק אַזוֹ וִויא מִיר לֶערְנוּן אוּנ דֶר גְמָרָא פוּן סוֹטָה רָבָא הָאט גַדְרְשׁוּת וָוארוּם אִיז דֶר מֶלֶךְ אָסָא גְשְׁטְרָאפְט גְוָוארוּן מוּט קְרֶענְק וַוייל עֶר הָאט גְלָאזְט אַרְבּוּטְן דִי תַּלְמִידִים אַזוֹ וִויא אוּנ פָּסוּק שְׁטֵייט דֶער מֶלֶךְ אָסָא הָאט אֵיין גְזַאמֶלְט גַאנְץ שֵׁבֶט יְהוּדָה צוּ אַרְבּוּטְן אוּנ קֵיינֶר אִיז דֶער פוּן נוּט לֵיידוּג גְוֶועזְן זָאגְט רַב יְהוּדָה פוּן וֶועגוּן רַב אֲפִילוּ אַחָתָן הָאט גְמוּזְט אַרוֹס גֵיין פוּן זַיין חֲתוּנָה הויז אוּנ אַכַּלָּה פוּן אִיר חוּפָּה צוּ גֵיין אַרְבּוּטוּן אוּנ אוֹיךְ זֶענוּן דִי תַּלְמִידִים פוּן רַבִּי עֲקִיבָא דְרוּבֶּר גְשְׁטָארְבֶּן וַוייל זַייא הָאבּוּן זִיךְ קֵיין כָּבוֹד נוּט אָן גְטוּן אֵיינְס דָאס אַנְדֶרֶע אַזוֹ וִוי מִיר לֶערְנְן אִין פֶּרֶק הַבָּא עַל יְבִמְתּוֹ צְוֶועלְף טוֹיזֶנְד תַּלְמִידִים הָאט רַבִּי עֲקִיבָא גֶהַאט פוּן דֶער שְׁטָאט גֶבַת בּוּז אַנְטוּפְּטְרֶס אוּנ אַלֶע זֶענוּן גְשְׁטָארְבֶּן אוּנ אֵיין קוּרְצֵי צַייט פוּן פֶּסַח בּוּז שָׁבוּעוֹת ווייל זַייא הָאבּוּן זִיךְ קֵיין כָּבוֹד נוּט אָן גְטָאן אֵיינְס דָאס אַנְדֶרֶע (אוּנ אִיבֶּר דֶעם אִיז מֶען זִיךְ נוֹהֵג אַז מֶען מַאכְט סְפִירָה נוּט חֲתוּנָה · וַוייל מֶען טְרוֹירְט אוֹיף דִי תַּלְמִידִים פוּן רַבִּי עֲקִיבָא (וגם מצינו) · אוּנ אוֹיךְ גֶפוּנוּן מִיר דָאס יְרוּשָׁלַיִם אִיז אוּבֶּר דֶעם חֵטְא דְרוּבּ גְוָוארֶן אַזוֹ וִויא מִיר לֶערְנוּן אוּנ מַסֶּכֶת שַׁבָּת רַב זָאגְט יְרוּשָׁלַיִם אִיז מֵיין נִיט חָרוּב גְוָוארֶן נָאר וַוייל מֶען הָאט אוּנ אִיר מְבַזֶּה גְוֶועזְן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אַזוֹ וִויא אוּנ פָּסוּק שְׁטֵייט זַייא הָאבֶּן גְשְׁפֶּעט אוּנ דוּא שְׁלוּחִים פוּן גָאט אוּנ הָאבֶּן מְבַזֶּה גְוֶועזְן זַיינוּ רֵייד אוּנ הָאבֶּן גְשְׁפֶּעט אוּנ זַיינוּ נְבִיאִים בּוּז גָאטְס צָארוּן אִיז אוֹיף גְגַאנְגֶן אוּנ זַיין פָאלְק אוּנ עֶס אִיז דֶער צוּ קֵיין רְפוּאָה נוּט דָא זָאגְט רַב יְהוּדָה פוּן וֶועגְן רַב עֶס אִיז גְמֵיינְט דֶער וָואס אִיז מְבַזֶּה אַתַּלְמִיד חָכָם אִיז קֵיין רְפוּאָה נוּט דָא צוּ זַיין מַכָּה אוֹיךְ זָאגְט רַב יְהוּדָה פוּן וֶועגְן רַב וָואס מֵיינְט דֶער פָּסוּק אִיר זָאלְט נוּט רֶעדוּן אוּנ מַיינוּ גְזַאלְבְּטוּ דָאס אִיז גְמֵיינְט דִי קִינְדֶר וָואס לֶערְנוּן אוּנ חֵדֶר אוּנ צוּ מַיינוּ נְבִיאִים זָאלְט אִיר נִיט זַיין

בייז

בייז נוט טון דאס איז גמיינט די תלמידי חכמים (וגם קראו) אונ אויך האבן אונזערי חכמים גורופן צו דעם וואס איז מבזה איין תלמיד חכם אפיקורס אזו וויא מיר לערנען אין פרק חלק ווער הייסט איין אפיקורס רב אונ רבי חנינא האבן ביידע גזאגט ווער עס איז מבזה איין תלמיד חכם דר הייסט אפיקורס אונ רבי יהושע בן לוי זאגט ווער עס איז זיין חבר מבייש פר אתלמיד חכם דער הייסט אויך אפיקורס אויך האבן דיא חכמים אום גורופן מגלה פנים בתורה שלא כהלכה ער לייגט אוס די תורה נוט וויא דער אמת איז וויא מיר זאגן אונ דער גמרא אונ אטייל האבון איז גלערנט ווער הייסט מגלה פנים בתורה שלא כהלכה רב אונ רבי חנינא האבון ביידע גזאגט דר וואס איז מבזה אתלמיד חכם דער הייסט מגלה פנים בתורה שלא כהלכה אונ רבי יהושע בן לוי זאגט דער וואס איז מבייש זיין חבר פר איין תלמיד חכם דער הייסט מגלה פנים בתורה שלא כהלכה: (על כן) דרום זאל דער מענש זיך פארכטן פר דעם עונש פון דיא תלמידי חכמים אונ זאל נזהר זיין פון זייערו קולין דאס ער זאל זיך נוט אפ ברואן אזו וויא מיר לערנען אונ פרקי אבות די זאלסט דיך ווארמן אקעגן דעם פייאר פון די תלמידי חכמים אונ זאלסט נזהר זיין אונ זייערו קולין דאס די זאלסט זיך נוט אפ ברואן דען זייער בייסון איז אזו גלייך וויא דאס בייסון פון איין פוקס דס ער הט זיא ווייט אויך אונ זייער שטעכון איז אזו וויא דאס שטעכון פון איין עגדוש אונ זייערו רייד זענן אזו היים וויא דר גופט פון איין ברענענדיגן שלאנג אוז גאר זייער רייד זענן גלייך וויא פייארוגו קולין (וגם השוו רבותינו) אונ אויך האבן אונזערו רבנן גגליכן די מורא וואס מען מוז האבן פר אתלמיד חכם צו דער מורא וואס מען מוז האבן פר גאט אונ זיא האבן עס גלערנט פון דעם פסוק (את ה׳ אלהיך תירא) אזו וויא מיר לערנען אונ דער גמרא פון פסחים אונ אין בבא קמא אונ אין ברכות מיר האבן גלערנט שמעון העמסוני אונ אטייל זאגון נחמיה העמסוני הט גדרשת אויף אלו ערטר ווי דס ווארט את שטייט אונ דער תורה וואס דאס בטייט אונ וויא ער איז גוקומון צו דעם ווארט את וואס שטייט אונ דעם פסוק (את ה׳ אלהיך תירא) הט ער זיך אפ גשייד פון צו דרשונון עס דען ער האט מורא גהאט צו גלייכן אזאך צו דער מורא פון גאט האבן זיינו תלמידים צו אום גזאגט רבי וואס וועט זיין אויף אלי ווערטר את וואס די האסט בוז אהער גדרשת דען מען וועט זאגן ווייל דוא האכט אויך גהערט צו דרשונון דאס ווארט את אזו זענן אלע דרשות פון את נישט האט ער צו זייא גזאגט אזו וואל וויא איך וואלט שכר גנומן

ווייל

# קיצור מנורת המאור פל״ה לו

ווייל איך הָב מוּך אָפּ גְשַׁייד פוּן צו דַרְשְׁנָן זַייא פוּן גָאטְס כָּבוֹד וֶועגְן בּוּז רַבִּי עֲקִיבָא אִוז גוּקוּמוּן אוּנ הָאט גְדַרְשֶׁת דֶעם פָּסוּק (אֶת ה׳ אֱלֹהֶיךָ תִּירָא) נַייזְט מוּר דָם וָוארְט אֶת דָאס מֶען זָאל פַר תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אַזוּ מוֹרָא הָאבְּן וִויא פַר גָאט :

פּ״ק לו (וּמָצִינוּ שֶׁחַכְמֵי יִשְׂרָאֵל) אוּנ מוּר גוּפוּנוּן דָם דוּ חַכְמֵי יִשְׂרָאֵל אוּנ זַייעֶרוּ גְרוֹסוּ חֲכָמִים הָאבְּן בַּגֶערְט צוּ זֶעהְן אַלוּ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים וָוס זַייא הָאבְּן גְפוּנוּן אוּנ הָאבְּן זַיי עֶרְלִיךְ גְהַאלְטְן נוּא וָואס גְהֶערְן מוּר שׁוֹן צוּ טָאן אוּנ דֶר הַיינְטִיגֶר צַייט דָם דוּ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים זֶענְן וֶוינוּג פוּן וֶועגְן אוּנְזֶרִי זוּנְד אוּנ עֶס אִוז נוּט מֶער אוּבֶּר גְבְלוּבְּן צְווִישְׁן יִשְׂרָאֵל נָאר אֵיינֶר אוּנ אֵיין שְׁטָאט אוּנ צְוַויי אוּנ אֵיין מִשְׁפָּחָה אַזוּ גְהֶערְן מוּר זַייא פְּשִׁיטָא עֶרְלִיךְ הַאלְטְן אוּנ מוּר גְהֶערְן עֶס אָפּ צוּ לֶערְנוּן פוּן רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ דָאס עֶר אִוז גְוֶוען אֵיין נָשִׂיא פוּן יִשְׂרָאֵל אוּנ דֶער גְרֶעסְטֶר פוּן דֶעם גַאנְצְן דוֹר אוּנ הָאט דָאךְ נָאךְ גְפְרֶעגְט אוּנ אַטְלוּכוּן אוֹרְט וִויא עֶר אִוז גְגַאנְגֶען אוּב עֶס אִוז דָא אֵיין תַּלְמִיד חָכָם אוּנ שְׁטָאט דָם עֶר זָאל אוּם זֶעהְן אַזוּ וִויא מוּר לֶערְנְן אִינ דֶער גְמָרָא פוּן חֲגִיגָה רַבִּי אוּנ רַבִּי חִיָּיא זֶענְן גְגַאנְגֶען אוּנ וֶועג וִויא זַייא זֶענְן גְקוּמֶען אוּנ אֵיין שְׁטָאט הָאבְּן זַיי גְפְרֶעגְט אוּב עֶס אִוז דָא אַתַּלְמִיד חָכָם אוּנ שְׁטָאט אַזוּ וֶועלְן מוּר גֵיין צוּ זֶעהְן אוּם הָאבְּן דוּ שְׁטָאט לַייט צוּ זַייא גְזָאגְט עֶס אִוז דָא אֵיין תַּלְמִיד חָכָם אוּנ דֶר שְׁטָאט אוּנ עֶר אִוז בְּלִינְד הָט רַבִּי חִיָּיא גְזָאגְט צוּ רַבִּי זַיין דוּ דָא דֶען דוּ בּוּסְט אַנָשִׂיא אַזוּ אִוז נוּט רֶעכְט דָם דוּ זָאלְסְט צוּ אוּם גֵיין נַייעֶרְט אוּךְ וֶועל אַלֵיין גֵיין צוּ זֶעהְן אוּם הָט רַבִּי אוּם נ.ט גְוָואלְט צוּ הֶערְן אוּנ אִוז מוּט אוּם גְגַאנְגֶען וִויא זַייא זֶענוּן פוּן דֶעם תַּלְמִיד חָכָם אַוֶועק גְגַאנְגֶען הָאט עֶר צוּ זַיי גְזָאגְט אוּר הָט כָּבוֹד אָן גוּטוּן צוּ אֵיינֶם וָואס וֶוערְט גְזֶעהְן פוּן אַנְדֶערֶע אוּנ עֶר זֶעהְט קֵיינֶם נוּט דְרוּם זָאלְט אוּר זוֹכֶה זַיין מְקַבֵּל פְּנֵי הַשְּׁכִינָה צוּ זַיין וָוס זוּ זֶעהְט אַלֶע מֶענְשְׁן אוּנ קֵיינֶר זֶעהְט זוּ נוּט הָט רַבִּי גְזָאגְט צוּ רַבִּי חִיָּיא וֶוען אִיךְ וָואלְט מוּט דוּר נוּט גְגַאנְגֶען אַזוּ וָואלְסְטוּ מִיךְ פַר מוּטוּן פוּן דֶר בְּרָכָה דָאס רַבִּי חִיָּיא צוּ אוּם גְזָאגְט פוּן וַואנֶן וֵוייסְטוּ דָאס עֶס אִוז אֵיין גְרוֹסֶע זַאךְ אֵיין תַּלְמִיד חָכָם מְקַבֵּל פָּנִים זַיין הָאט רַבִּי צוּ אוּם גְזָאגְט אוּךְ הָאב עֶס גְהֶערְט דַרְשְׁנֶען פוּן רַבִּי יַעֲקֹב אִישׁ כְּפַר חֲנַנְיָא דָם עֶר אִוז גְוֶוינְטְלִיךְ גְוֶוען מְקַבֵּל פָּנִים צוּ זַיין זַיין רַבִּי אַלֶע טָאג וִויא עֶר אִוז אַלְט גְוָוארְן הָאט עֶר גְזָאגְט צוּ זַיין רַבִּי לָאז דוּךְ נוּט פַר דְרוּסוּן דָאס אוּךְ קוּם צוּ דוּר נִיט דֶען אוּךְ קֶען נוּט קוּמוּן וַוייל אוּךְ בּוּן אַלְט הָט זַיין רַבִּי צוּ אוּם גְזָאגְטוּ אִיז עֶס דֶען אֵיין קְלֵיינֶע זַאךְ דָאס עֶס שְׁטֵייט גְשְׁרִיבְּן בַּייא דוּ חֲכָמִים יֶער וֶועט קֵיין גֵיהִנָּם נוּט זֶעהְן וַוייל עֶר זֶעהְט אֵיין תַּלְמִיד חָכָם בַּייא זַיין טוּט

מכל

מכל שכן ווער עס· זעהט איין חכם ביא זיין לעבין אונ טוט אים כבוד אן וועט ער פשיטא האבין איין גרוסין שכר דרוף· (וגם מצינו) אונ אוך געפינן מיר דאס רבינו הקדוש האט גזאגט דאס ער האט דרום זוכה גוועזן צו תורה וייל ער האט גזעהן רבי מאיר פון הינטן אונ ווען ער וואלט אים גזעהן אונ פנים וואלט ער נאך מער גקענט לערנן אזו וויא מיר לערנן אין דער גמרא פון ירושלמי אונ מסכת ביצה אוף דער חתונה פון רבי שמעון דער זון פון רבי האבין זיי גקלאפט מוט דעם אוסין ווייניגסטן פון דיא הענט אום שבת אוז רבי מאיר פור גגאנגן אונ האט עס גהערט האט ער גזאגט רבותינו אוז דען מותר אום שבת איין מלאכה צו טון האט רבי גהערט דאס קול פון רבי מאיר האט ער גזאגט ווער אוז דר וואס וויל אונז מנדה זיין אונ אונזער הויז וויא רבי מאיר האט גהערט צו רבי אזו ריידן איז ער אוועק גלאפן אונ זיי זענען אים נאך גלאפן האט דער ווינט אוועק גוויאט דו טוך וואס רבי מאיר האט גהאט אוף זיין האלז הט רבי גזעהן דורך איין פענסטר דעם אקסיל פון רבי מאיר האט רבי גזאגט אוך האב נוט זוכה גוועזן צו תורה נאר וייל אוך האב גזעהן דעם אקסל פון רבי מאיר· (וגרסינן נמי) אויך לערנן מיר אונ מסכת עירובין דאס רבי האט גזאגט אוך בון דרום איין שארפר למדן מער פון מיינע חבירים וייל אוך האב גזעהן צו רבי מאיר פון אונטן ווען אוך האב ביי אום גלערנט אונ ווען אוך וואלט אום גזעהן פון פארונט וואלט אוך נאך שארפר גוועזן דען עס שטייט אונ פסוק דיינע אוגין זאלין זעהן דיין רבי וואס לערנט מוט דיר· (ומחוייב כל אדם) אונ איטלעכר מענש אוז מחויב איין תלמיד חכם כבוד אן צו טון אונ צו בשיינון אום אונ צו אוף שטיין פר אום אזו וויא מיר לעהנען אונ קדושין דו רבנים האבון גלערנט עס שטייט אונ פסוק פר איין גרייזן מאן זאלסטו אוף שטיין וועסטו וועלין מיינון אפילו ווען ער אוז איין אלטר רשע מיזטו אויך פר אום אוף שטיין דרום שטייט ווייטר אונ פסוק דווא זאלסט בשיינן דאס פנים פון איין זקן אונ איין זקן אוז גמיינט איין תלמיד חכם אזו וויא אונ פסוק שטייט דאס גאט האט גזאגט צו משה משה זאמל מיר איין זובציג זקנים פון ישראל דאס אוז גמיינט תלמידי חכמים· רבי יוסי הגלילי זאגט דאס וואַרט זקן אוז גמיינט איין מענש וואס הט גקופט חכמה דאס ער הט פול גלערנט אזו וויא אונ פסוק שטייט גאט האט גוקופט די תורה איי ער האט די וועלט בשאפן וועסטו וועלין מיינון ווען מען זעהט דעם תלמיד חכם פון וייטון מוז מען אוך פר אום אוף שטיין דרום זאגט דער פסוק תקום והדרת די זאלסט אוף שטיין ווען דו בשיינסט אום דער

מיט דאס איז ווען ער איז פיר איילין ווייט פון דיר איז ווערט גזעהן דס די שטייסט אוף פון זיינוט וועגן · ווערסטו וועלין מיינן דאס די מוזט אים בשיינן מיט געלד דרום זאגט דער פסוק די זאלסט פר אים אוף שטיין אונ זאלסט אים בשיינן צו ווייזן דיר דס איז וואל וויא דאס אויף שטיין קאנסט ניט קיין געלד איז זאלסטו אים בשיינון מיט כבוד וואס קאסט נוט קיין געלד וועסטו וועלין מיינון די מוזט פר אים אוף שטיין ווען די בוסט אונ איין בית הכסא אודר אונ איין מרחץ דרום זאגט דער פסוק והדרת, דס די זאלסט פר אים אוף שטיין אונ איין אורט וויא עס איז איין כבוד אונ איין שיינקייט צו ־זיין וועסטו וועלין דיינע אוגון פון אים פאר הולון אונ וועסט דוך מאכון גלייך וויא די זעהסט אים נוט כדי די זאלסט נוט אויף שטיין פר אים דרום שטייט ווייטר אונ פסוק די זאלסט דוך פארכטן פר דיין גאט דאס איז די זאבון וואס נאר דיין הארץ ווייסט זיי אונ קיינר ווייסטו עס ניט דם די קענסט זאגן די האסט אים נוט גזעהן איז שטייט דער בייא די זאלסט דוך פארכטן פר דיין גאט דאס ער ווייסט אלע מחשבות אונ ער ווייסט אוב די האסט אים גזעהן אודר נוט :

פרק לז (אף על פי שחייב אדם) חאטשו דער מענש איז מחויב צו ערליך האלטן תלמידי חכמים אונ צו פארכטן זוך פר זייא איז ער נאך מער מחויב צו ערליך האלטן זיינע רבנים אונ צו פארכטן זוך פר זיי אונ אונזערע חכמים האבון גלייך גמאכט די מורא וואס דער מענש מוז האבון פר זיין רבי צו דער מורא וואס דער מענש מוז האבין פר גאט אזו וויא מיר לערנן אין פרקי אבות רבי אליעזר זאגט דער כבוד פון דיינע תלמידים זאל אוף דיר אזו גליבט זיין וויא דיין כבוד אונ דער כבוד פון דיין חבר זאל אוף דיר גליבט זיין אזו וויא די מורא פון דיין רבי אונ די מורא פון דיין רבי זאל אוף דיר זיין אזו וויא די מורא פון גאט · לערנן מיר דער פון אפ דאס רבי אליעזר האט די זאבון גטיילט דאס בייא דעם חבר רופט ער עס כבוד אונ ביי דעם רבי רופט ער עס מורא דרום האבן די חכמים גזאגט אתלמיד וואס לערנט פר זיין רבי מוזון זיינע ליפין טריפן ביטרקייט פר מורא אזו וויא מיר לערנן אין פרק במה מדליקין רב גידל זאגט פון וועגן רב דער תלמיד חכם וואס זיצט פר זיין רבי אונ זיינע ליפן טריפון נוט קיין ביטרקייט פר מורא דער איז ווערט דאס זיינע ליפן זאלן אפ געבריאט ווערין אזו וויא אין פסוק שטייט (שפתותיו שושנים נוטפות מור עובר) איז גלייך וויא עס וואלט גשטאנן (ששונים) אונ (מור עובר) איז גלייך וויא עס וואלט גשטאנן (מר עובר). דאס איז גמיינט ווען זיינע ליפן

לערנן

לערנן פר זיין רבי מוז בישרקייט טרופן אונ איבר פארון פון זייא:

פרק לה (התשובה היא קיום בני אדם) די תשובה איז דאס בשטאנד פון די מענשן אונ ווען נוט די תשובה איז וואלט קיין מענש נוט גקענט בשטיין פר דעם שטארקן מדת הדין איז וויא מיר לערנן אונ פרקי רבי אליעזר איי די וועלט איז בשאפן גוואָרן איז נאר גאט אליין גוועזן אונ האט אונ זיין מחשבה גהאט צו בשאפן די וועלט איז הט ער אונ גצייכנט פר זיך די וועלט וויא איז זי זאל בשאפן ווערון אונ זוא האט נוט גקענט בשטיין עס איז איין משל צו איין מלך וואס האט גוואלט זיך בואון פאלאצן איז ווען ער צייכינט נוט אוף אונ דער ערד זיינע גרונטן אונ וויא איז מען זאל ארויין גיין אונ זיי איז קען ער נוט אן הובון צו בואן איז הט אויך גאט אוך גצייכנט פר זיך די וועלט וויא איז זי זאל בשאפן ווערון אונ זי האט נוט גקענט בשטיין ביז ער הט בשאפן די תשובה׳ אונ די דאזיגע מצוה פון תשובה איז גאהינט אונ גרונג ביי די ישראל וואס זיי האבון די תורה מקבל גוועזן מער וויא בייא די עובדי כוכבים ומזלות וואס זייער סדר איז דאס זייא פיינגון זיך ווען זייא טואון תשובה אבר אונזר תורה הט נוט אזו גבאטן דם דער מענש זאל זיך פיינגון ווען ער טוט תשובה נייארט ער זאל תשובה טון מוט זיין מויל אונ מוט זיין הארץ אזו וויא אונ פסוק שטייט די מצוה וואס טוא דיר היינט געביטן איז זוא נוט פר הולון פון דיר אונ איז נוט וייט פון דיר אונ דאס איז גזאגט אוף דער זאך פון תשובה ווען די ווערסט דיך ווידר קערון צו גאט דרוף זאגט דוא תורה דם ווען די טוסט תשובה דארפסטו נוט צו גיין איבר דעם ים אונ דארפסט ניט אויך גיין אוף הויכע בערג וואס זענון געגליכן צו דעם הומל נייארט די תורה זאגט דאס דער סוף פון דער זאך איז אזו וויא ווייטר אונ פסוק שטייט די זאך איז זייער נאהינט צו דיר צו טון זי מוט דיין מויל אונ מוט דיין הארץ דאס איז גמיינט ער זאל זיין זינד ארום ריידון מוט זיין מויל אונ ער זאל דרוף חרטה האבון אונ זיין הארץ אונ זאל ווייטר נוט טון אזעלכע זאכון אונ חאטשי דאס די מצוה וואס אונ פסוק שטייט האבן די חכמים בשייד אוף דער גאנצר תורה אבר דאס פשוטה מיינונג פון דעם פסוק איז אוף דער זאך פון תשובה אונ די תורה מיינט דאס מויל אונ דם הארץ זאלין גלייך זיין ווען ער טוט תשובה׳ (ואע״ג) אונ חאטשי עס איז ניט דא קיין זאך וואס בשטייט אקעגן דער תשובה פון דעסטוועגן איז דאך איין צווישן שייד מיט תשובה טון דען עס זענון דא איין טייל גרינגע עבירות וואס דער מענש קען אוף זיי מיט תשובה אליין אפ קימן אונ קען

דר

# קיצור מנורת המאור פל׳ח

דר מוט גהיילט ווערן אונ עס זענען דא עבירות וואס אפילו ווען ער טוט תשובה האט ער דאך קיין כפרה נוט אוף זיי ביז עס קומט יום כיפור אונ איז דרוף מכפר אונ עס זענען דא איין טייל הארבע עבירות וואס מען הט קיין כפרה נוט אוף זיי ביז מען לייד יסורים וואס דורך זיי ווערט מען גלייטרט פון די עבירות אזו וויא רבי ישמעאל האט זיי צו טיילט אונ מרק יום הכפורים אוף דרייא חלקים אזו וויא מיר האבן אונ דער חתימה פון נר ראשון גשריבן דאס ווען ער הט עובר גווען אוף איין מצות עשה דאס ער האט אמצוה מבטל גווען אזו הט ער דרוף אכפרה דורך תשובה אליין אונ ווען ער איז עובר אוף מצות לא תעשה דאס ער טוט אזאך וואס עס שטייט אונ דער תורה פר באטון פון צו טון אזו מוז ער תשובה טון אונ ווען עס קומט יום כפור האט ער ערשט אכפרה אוף דער עבירה אונ ווען ער האט עובר גווען אוף זאכן וואס מען איז דרוף חייב כרת אודר מיתות בית דין אזו קומן אוף אים יסורים וואס לייטרן אים פון דער עבירה אונ פון דעסטוועגן מוז ער ביי איטלעכן תשובה אוך טון דען ווען ער טוט קיין תשובה נוט אונ עס קומט יום כפור אודר עס קומן אוף אים יסורים וואס ער זאל דורך דעם גלייטרט ווערן פון זיינע עבירות אונ ער וואכט זיך ניט אוף פון זיין שלאף צו אפ קערן פון זיינע עבירות אזו ברענגן אים די עבירות צום טוט אונ צו דער אייביגר שטראף אונ גיהנם אבר ווען ער וועט זיך אוף וואכן פון זיין שלאף אונ וועט תשובה טון אזו וועט גאט יתברך די תשובה אן נעמון דען גאטס רעכטע האנט איז אים גשטרעקט צו אן נעמון אלע לייט וואס טואן תשובה אזו וויא אונ פסוק שטייט דאס גאט זאגט טוט ווידר קערן איר מענשן אזו וויא מיר לערנן אונ פרק ערבי פסחים רב כהנא זאגט פון ווענגן רבי ישמעאל ברבי יוסי אונ איין טייל זאגן רבי שמעון בן לקיש הט עס גזאגט פון וועגן רבי יהודה נשיאה ווס מיינט דער פסוק (וידי אדם תחת כנפיהם) איין מענשן האנד איז אונטר די פליגל פון די חיות אזו שטייט (ידו) דאס איז גמיינט די האנט פון הקב״ה איז פר שפרייט אונטר די פליגל פון די חיות צו אן נעמן די לייט וואס טואן תשובה אונ ער טוט דרום זיין האנד אונטר די פלוגול פון די חיות כדי דר מדת הדין זאל עס נוט זעהן דען ער וויל האבן דאס גאט זאל אמשפט טון אונ זאל קיין תשובה נוט אן נעמון ׳ (וגרסינן) אוך לערנן מיר אונ ספרי דאס משה רבינו האט גזאגט צו גאט די האסט מיר אן גהובן צו ווייזן דאס מען קען תשובה

תשובה טון דען דו האסט געשווארן וויא די ישראל האבן געמאכט דאס עגל דאס דו זאלסט זיי פר לעגדן אונ וויא זייא האבן תשובה געטון אזו האסטו פר שועבט די שבועה אונ האסט זיי מוחל גוועזן אוך האסטו מיר געוויזן דיין גרוסקייט דאס אוז דיין גוטע מדה דאס דו ביסט מוחל צו די רשעים אזו וויא אונ פסוק שטייט אונ היינט זאל זיך גרוסן נאטם כח אזו וויא די האסט גרעט צו זאגן דאס דו ביסט מוחל צו די רשעים ווען זייא טון תשובה אוך האסטו מיר געוויזן דיין האנד דאס איז דיין רעכטע האנד וואס זי איז אן גשפרייט צו אלע מענשן וואס קומן אוף דער וועלט דאס דו נעמסט אן זייער תשובה אזו וויא אונ פסוק שטייט דיין רעכטע האנט די גאט איז בשיינט מיט כח • אוך שטייט אונ פסוק דיין רעכטע האנד אונ דיין ארום אונ דאס ליכט פון דיין שכינה דאס טוט באווילגן צו לייטן ווען זייא טואן תשובה • אוך שטייט אונ פסוק אוך האב בייא מיר געשווארן אונ עס איז פון מיין מול ארוס גגאנגן רעכט פארטיקייט דס אוך זאל אן נעמן אלע לייט וואס טואן תשובה אוך האט משה גזאגט די האסט מיר געוויזן דיין שטארקע האנד) דאס דו נעמסט איין מיט רחמנות דעם מדת הדין אזו וויא אונ פסוק שטייט (ישוב ירחמנו יכבוש עונותינו) • אוך שטייט אונ פסוק ווער איז אזו אזו גאט אוך דעם הימל אודר אוף דער ערד דאס ער זאל טון אזו וויא דיינע מעשים אונ אזו וויא דיין שטארקייט דען די מדה פון גאט איז אזו וויא די מדה פון א מענשן די מדה פון א מענשן אז ווען איינר וויל זאך טון אזו קען איין חשובר פון אום פר ווערן אונ אום אבר דור גאט ווער קען דור פר ווערן • אונ אזו זאגט דער פסוק ער איז איין איינציגר גאט ווער קען זייגע רייד ווידר קערן • רבי יהודה בן בבא האט עס געגליבן צו איין מענשן וואס איז ווארן איין גשריבן אונ דעם בוך פון דעם מלך ער זאל אום הארגעגן אזו אפילו ווען ער גיט פיל געלד קען ער דאך די גזירה נוט מבטל זיין אבר ווען דער מענש זינדיגט אקעגון גאט דאס ער ווערט מחויב צו שטארבן זאגט גאט טוט תשובה אונ אוך וועל זיא אן נעמן אזו וויא אונ פסוק שטייט אוך וועל אפ מעקן אזו וויא איין וואלקן דיינו זונד : (וגרסינן) אוך לערנן מיר אונ דר פסיקתא עס שטייט אונ פסוק גאט איז גוט אונ רעכט פארטג זאגט רבי פינחס גאט איז גוט ווייל ער איז רעכט פארטג אונ ער איז רעכט פארטג ווייל ער איז גוט דרום ער נעמט אן די תשובה פון די רשעים אונ ער טוט ווייזן צו די זונדיגר דען וועג פון תשובה דאס זייא זאלן תשובה טון אונ אזו גופונן מיר דאס גאט בגערט נוט דם די רשעים זאלן שטארבן נייארט ער וויל בעסר דאס זייא זאלן

האט (ת"ר)

# קיצור מנורת המאור פרק לח

זאלן תשובה טון אזו וויא אונ פסוק שטייט דאס גאט זאגט איך בגער ניט דאס דער רשע וואס איז ווערט צו שטארבן זאל שטארבן נייארט טוט תשובה וועט אור בלייבן לעבן : (וברחמיו על ישראל) אונ דורך דם רחמנות וואס גאט הט אובר ישראל מער וויא אובר אנדרע פעלקר אזו הט ער מגלה גוועזן זיינו סודות צו זיינו קנעכט די נביאים כדי זייא זאלן זאגן צו ישראל דאס איין גזירה איז אויף זייא נגזר גווארן פון וועגן זייערו זינד כדי זייא זאלן תשובה טון אונ די נביאים זאלן אן זאגן צו ישראל זי א זאלן פרים ווערן אונ גאט האט לאנג אויף געהאלטן זיין צארן כדי זייא זאלן תשובה טון אבר זייא האבן שווער גמאכט זייערו אויערן אונ האבן געשטארקט זייער הארץ אונ האבן ניט גוואלט קיין תשובה טון ביז גאט האט פון זייא אפ גטאן זיין שכינה אונ זיין חסד כדי צו פר טרייבן זי א צווישן דיא עובדי כוכבים ומזלות אונ גלות (ואע״פ) אונ האטשי די גזירה הט שון אן גיהויבן צו זיין אונ זייא האט דיא שכינה דאך גזומט ווייט פון זייא אונ דער מדבר אונ האט גווארט אויף זייער תשובה אזו וויא מיר לערנן אונ מסכת ראש השנה רבי יוחנן זאגט זעקס חדשים הט זיך די שכינה גזומט אונ דר מדבר פון וועגן די ישראל טאמר וועלן זייא תשובה טון אונ זייא האבן קיין תשובה ניט גוטון אזו הט גאט גזאגט עס זאלן גשוואלן ווערן די ביינר פון די רשעים אזו וויא אין פסוק שטייט דיא אוגון פון די רשעים זענן ווארן פר לענט אונ זייער אנטלופונג דאס איז די שכינה וואס זייא פלעגן אנטלופון אונ בשיצן זיך אונטער איר די איז ווארן פר לארן פון זיי אונ זייער האפונג איז גווארן צו אגשוועלוביץ צו זייער לייב (והשם יתברך) אונ גאט יתברך דורך זיין דר בארמונג וואס ער האט אובר אלו ישראל מוט אננדר אונ אובור די גוטו לייט וואס צווישן זיי בזונדר אזו שטראפט ער זיי פון וועגן זייערו עבירות אויף דער וועלט כדי זייא זאלן ריין ווערן פון זייערו זינד אונ ער וועט זייא זייער שכר געבן אונ גאנצן בעולם הבא וואס זו איז איין אייביגו וועלט אבר גאט טוט ניט אזו צו די עובדי כוכבים ומזלות אלו מוט אננדר ובפרט צו די רשעים פון זייא דאס ער שטראפט זייא ניט פון וועגן זייערו זינד בעולם הזה נייארט ער בצאלט זייא אויף דעם עולם אויף זייער גוטס וואס זייא האבן גטאן כדי זייא זאלון פר לורון ווערן בעולם הבא ביז אייביג אונ אייביג אזו וויא מיר לערנן אין קדושין רבי אלעזר בר צדוק זאגט צו וועם זענן דיא צדיקים גגליכן אויף דר וועלט צו איין בום וואס שטייט אין איין ריין ארט אונ איין צווייג פון דעם בום בייגט זיך אין איין אום ריין אורט אונ ווען מען האקט אפ דיא צווייג אזו שטייט גאר דער בום אין איין ריין

אורט

אורט אזו דו צדיקים זענן ריין מוט זייערי מעשים גאר ווייניג זענן זיי אום
ריין דאס זיי האבן עפוש גזונדוגט אזו ברענגט גאט אויף זיי יסורים אויף
דער וועלט פון וועגן זייער ווייניג זונד כדי זיי זאלן גאנץ ריין ווערן אונ
זאלן ירשנון עולם הבא אזו וויא אין פסוק שטייט ווען שון דיין . אן הייב אוז
ווייניג אונ שלעכט אבער דיין סוף וועט זיין גאנץ גרוס אונ צו וואס זענן
דיא רשעים גגליכן אויף דער וועלט צו איין בום וואס שטייט אין איין אום
ריין אורט אונ איין צווייג פון דעם בום בייגט זיך אין איין ריין אורט אזו
ווען דוא צווייג ווערט אפ גהאקט שטייט גאר דער בום אין איין אום ריין
אורט אזו אויך זענן די רשעים אומריין מוט זייערי מעשים נאר ווי האבן
ווייניג גוטס גטאן אזו בצאלט זייא גאט גוטס אויף דעם עולם כדי זיי
זאלן פר לורן זיין לעולם הבא אונ זאלן קומן אונ דר הונטרשטר שטאפל
אונ גיהנם דרום זאל זיך דער מענש דר וועקן תשובה צו טון אלו צייט
אונ מכל שכן ווען עס קומט ראש השנה אונ יום כפור וואס דוא טעג
זענן מער אן גבריים דעם מענשן צו משפטן אונ ער זאל נוט פר אום
ווערדיגן ווען גאט שטראפט אום אונ שוקט אום צו יסורים דען ווי זענן
זאכן וואס פיינוגן דעם גוף אונ טון תענוג אן דר נשמה אונ זיי לייטרן
דעם מענשן פון זיינו עבירות אונ ער זאל תשובה טאן אזו וועט ער פון
זייני עבירות גהיילט ווערן :

פרק לט (כל בן דעת) אימליכר פר שטענדיגר מענש ווען ער זעהט דאס
עס הט גנעהנט זיין צייט דאס ער מוז גיין צום משפט פאר
א מלך בשר ודם פון וועגן געלד זאכן אונ מכל שכן ווען עס גייט אן דיין
גוף אזו טוט ער זיך זייער דער וועקן טאג אונ נאכט אונ זוכט נאך זייני
וועגן אונ בגערט אונ פרעגט איין עצה פון אטליכן יועץ דאס ער זאל אום
איין עצה געבן וויא אזו ער זאל ניצול ווערון פון דעם משפט מכל שכן
וואס גהער שון דער מענש צו טון ווען עס קומט די צייט דאס מען וועט
אום משפטן אונ זיין גוף אונ אונ זיינע קונדר אונ אונ זיין געלד פר דעם
מלך מלכי המלכים הקב״ה וום ער ווייסט אלע פר בארגנע זאכן אונ מען
דארף פר אום נוט קיין עדות אודר ארא־יה דען עס אוז אלין פר אום
אנפלעקט אונ עס העלפט פר אום נוט קיין אנדרר מליץ נאר תשובה
אונ מעשים טובים אזו גהייר דער מענש זיך זייער פארכטן אונ נאך זוכן
אונ זיינע וועגן אונ צו ווידר קערון פון זיינע עבירות אונ צו פרעגן איין
עצה פון אלו פר שטענדגע מענשן איי עס קומט דוא צייט פון דעם יום
הדין כדי ער זאל גווינן דעם משפט : (ולזה צריך) אונ דער צו מוז ער

זיך

# קיצור מנורת המאור פל"ט

זיך פעדערן צום ווייניגסטן דרייסיג טעג כדי ער זאל אן הייבן פון ראש חודש אלול צו דער וועקן זיך פון זיין שלאף וואס ער זיצט דרינען אגאנץ יאר און זאל תשובה טואון דרייסיג טעג פר ראש השנה און אויך איז ראש חודש אלול די צייט וואס גאט איז באוויליגט געווארן צו ישראל צו מוחל זיין זייא דעם חטא פון דעם עגל און האט געבאטן צו משה רבינו דאס ער זאל אויף דעם בארג ארויף גיין צו געבין אום די אנדערע לוחות אזו וויא מיר געפינען און פרקי רבי אליעזר מיר האבין געלערנט אום ראש חודש אלול האט גאט גזאגט צו משה גייא אויף צו מיר אויף דעם בארג דען און דער צייט איז משה אויף געגאנגען צו מקבל זיין די אנדערע לוחות און מען הט געבלאזן מיט אשופר און דער גאנצר מחנה דאס משה איז אויף דעם בארג ארויף געגאנגען כדי די ישראל זאלין זיך שון ניט טועה זיין אזו וויא זייא האבן זיך פריער טועה געוועזן און האבין געמיינט דאס משה איז ניט געקומין און זיין צייט און האבין דריבר געמאכט דם עגל און גאט איז געגרויסט געווארן דורך דעם שופר אזו וויא און פסוק שטייט גאט איז געגרויסט געווארן דורך דעם שופר ׳ (וכך התקינו) און אזו אויך האבן אונזערע חכמים מתקן געוועזן דם מען זאל אן הייבין אלע יאר צו בלאזן שופר אום ראש חודש אלול און מען זאל בלאזן דעם גאנצן חודש כדי צו מזהיר זיין די ישראל דאס זיי זאלין תשובה טון אזו וויא און פסוק שטייט ווערט דען געבלאזן מיט איין שופר און שטאט און די לייט זאלן ניט דער שראקן ווערין אויך בלאזט מען דרום כדי דם דער שטן זאל מבולבל ווערין און זאל ניט וויסין ווען ראש השנה איז און זאל ניט מקטרג זיין אויף ישראל ׳ אויך שטייט און ספר פון רבינו האי גאון אונזער מנהג איז צו זאגין סליחות נאר און די צעהן טעג וואס פון ראש השנה ביז יום כיפור און מיר האבין געהערט דאס און איין טייל ערטר פון דעם לאנד פרס שטייט מען אויף צו סליחות פון ראש חודש אלול אן און און זיי זאגין דעם טעם וייל אום ראש חודש אלול איז משה רבינו צום דריטן מאל אויף דעם בארג ארויף געגאנגען צו מקבל זיין די אנדרע לוחות און איז מיט די לוחות אראפ געקומין און יום כפור און ווער עס מערט תפלה טון איז איז בעסר פר אום און רבי יצחק ן׳ גיאת ז"ל שרייבט אונזער מנהג איז אזו וויא די וואס הייבין אן אויף שטיין צו סליחות פון ראש חודש אלול ׳ אויך שרייבט דער רבינו ניסים דאס פיל זקנים און בעלי בתים הייבין אן צו בלאזן שופר אום ראש חודש אלול איבר דעם טעם וואס און פרקי רבי אליעזר שטייט (וגם מצינו) אויך געפינן מיר דאס פיל לייט זענין זיך נוהג צו פאסטן אום ערב ראש השנה און זיי ווייזין עס אן פון דעם מדרש דם מען געהער צו פאסטן

וגם

(וגם מצינו) אונ אויך געפינן מיר אונ איין תשובה פון איין גאון דאס מען הט אים גפרעגט אוב מען זאל פאסטן אום ראש השנה הט ער געענפרט דם גפעלט אינז נוט מען זאל פאסטן אום ראש השנה דען די פר צייטיגע פרנסים פון ישראל עזרא הסופר אונ נחמיה די האבון גזאגט צו די לייט אום ראש השנה גייט עסט גוטע שפייז דען מיר זענון פר זיכרט דאס גאט ווערט אינז אן שרייבן אונ ספר פון לעבון אויך זאל מען נוט פאסטן אום שבת תשובה דען תשעה באב איז איין הארבר תענית אונ מען טאר דאך נוט פאסטן אום שבת נייארט עס ווערט אפ גלייגט אויף זונטאג אונ אפילו אום ערב שבת איז מען איין לאנגע צייט מסופק גוועזן אוב מען זאל מעגין פאסטן ביז נאכט ביז עס איז גבליבן ביי די חכמים דאס מען מעג פאסטן ביז נאכט (וכההוא) אונ אזו איין גלייכניש זאגן מיר אונ דער גמרא ירושלמי רבי יעקב הט בפולין צו די תלמידי חכמים ווען איינר ווערט קומן אייך פרעגן ווען מען מעג פאסטן זאלט איר אים זאגון אלע טעג אונ יאר מעג מען פאסטן נאר אום שבת אונ יום טוב אונ ראש השנה אונ אום פורים טאר מען נוט פאסטן · אויך שטייט אונ פרק יום הכפורים דאס מען טאר נוט פאסטן אום שבת אונ אום יום טוב דער פון קען מען זאגון צו דיא לייט וואס פאסטן אום ראש השנה אודר אום שבת תשובה דאס זייא טואן נוט רעכט דען זייא ווייסן נוט דאס מען קען תשובה טון אן פאסטן אונ דאס פאסטן איז נאר איינם פון דיא ווענין פון תשובה אבר די אנדרע ווענן פון תשובה זענון בעסר פון פאסטן אונ זענן מיר גליבט ביי גאט :

פרק מ (יום הדין לכל בני אדם) דער טאג וואס אלע לייט ווערן גמשפט סייא איין יחיד סייא איין ציבור אונ זאכון פון עולם הזה דאס איז אום ראש השנה אזו וויא מיר לערנן אונ דער גמרא פון ראש השנה די רבנים האבון גלערנט עס שטייט אונ פסוק כי חוק לישראל הוא משפט לאלהי יעקב דאס לערנט אינז דאס בית דין של מעלה גייאון נוט צו משפטן דעם עולם ביז דאס בית דין של מטה מאכון ראש חודש דאס דער טאג זאל זיין ראש חודש תשרי אזו איז דערנטמאל ראש השנה וואס די גאנצע וועלט ווערט גמשפט · אויך לערנן מיר אונ איין ברייתא עס שטייט אונ פסוק דער טאג פון ראש השנה איז איין גזעץ צו ישראל דם עס איז איין יום הדין וועסטו וועלון מיינון דאס די עובדי כוכבים ומזלות ווערן אונ דעם טאג נוט גמשפט דרום שטייט ווייטר אונ פסוק עס איז א משפט טאג צו דעם גאט פון יעקב דאס ער משפט די גאנצע וועלט אונ דרום שטייט אונ פסוק כי חוק לישראל צו ווייזון דאס די ישראל ווערון פרייער

גמשפט

# קיצור מנורת המאור פ"מ

גמשפט אזו וויא רב חסדא הט גזאגט ווען איין מלך מוט זיינע לייט גייאן
צים משפט אזו משפט מען דעם מלך פריער אונ דער נאך זייגע לייט אזו
וויא אונ פסוק שטייט דאס שלמה המלך האט גבעטן פר גאט דאס ער זאל
פריער טון זיין משפט אונ דער נאך דם משפט פון כל ישראל אונ עס איז
בעסר פר דעם מלך ווען מען משפט אום פריער פון צווייא טעמים וועגן
איין טעם איז דאס עס איז נוט קיין כבוד פר דעם מלך דם ער זאל אומזון
ווייגוג שטיין אונ זאל ווארטן אונ נאך אטעם איז דאס ווען מען משפט גריר
פיל לייט אזו ווערט גאט ברוגז ווייל זיי האבון פול געזינדיגט דרום איז
בעסר ווען ער ווערט פריר גמשפט איי גאט איז ברוגז · (וגם מצינו) אויך
געפינן מור אונ איין משנה דאס אונ פור צייטון פון דעם יאר ווערט דיא
וועלט גמשפט אום פסח ווערט זו גמשפט אוב די תבואה זאל גראטן אונ
אים שבועות ווערט זו גמשפט אוב די פירות פון די ביימר זאלין גראטן
אונ אום ראש השנה ווערון אלע מענשן גמשפט אונ ווערון פר גאט דורך
גפירט אייגר נאך דעם אנדרן אזו וויא מען פורט די שאף איינס נאך דעם
אנדרן צו ציילון זיי ווען מען וויל פון זיי מעשר געבון אזו וויא אונ פסוק
שטייט גאט וואס האט בשאפן אלע הערצר דער פריבט די מעשים פון אלע
מענשן אום ראש השנה אונ אום סוכות ווערט די וועלט גמשפט וויא פול
רעגון עס זאל גיין דאס יאר (ואחד בתשרי) אונ ראש חודש תשרי איז דרום
גשטעלט פר איין יום הדין וויל ער איז דער ערשטר טאג וואס אדם הראשון
איז בשאפן גווארון נאך דעם מיינונג פון רבי אליעזר אזו וויא מיר לערנן
אונ ראש השנה מור האבון גלערנט רבי אליעזר זאגט אום תשרי איז די
וועלט בשאפן גווארן אום תשרי זענון דוא אבות גיבורון גווארן דהיינו
אברהם אונ יעקב אונ אום תשרי זענון זיי גשטארבן אום פסח איז יצחק
גבורון גווארון אום ראש השנה איז שרה אונ רחל אונ חנה דער מאנט
גווארון אונ הומל דאס זייא זאלון טראגענדיג ווערון אום ראש השנה איז
יוסף פון דער תפיסה ארום גגאנגן אום ראש השנה איז בטל גווארן די
ארבוט פון אונזערע עלטרן אונ מצרים אום ניסן זענון זיי דר לייזט גווארן
פון מצרים אונ אום ניסן וועלון זיי פון דעם גלות אויך דער לייזט ווערון
אונ רבי יהושע זאגט אום ניסן איז די וועלט בשאפן גווארן · (תניא) מור
האבון גלערנט רבי אליעזר זאגט פון וואנון לערנן מור אפ דם אום תשרי
איז די וועלט בשאפן גווארון דען עס שטייט אונ פסוק גאט הט גזאגט די
ערד זאל זוך אן קליידן מוט גראז אונ די ביימר זאלון זיין באקלייד מוט
פירות אונ וועלכן חודש געפינן מור דאס די ערד טוט זוך בקליידן מוט גראז

און

אונ די ביימר זענן פיל מיט פירות דאס איז תשרי אונ דענסטמאל איז די צייט וואס מען דארף האבן רעגן אזו איז גגאנגן רעגן אונ זייא האבן דורך דעם געוואקסן אזו וויא אונ פסוק שטייט אוואלקן איז אויף גגאנגן פון דער ערד אונ הט אן גטרענקט אלין וואס אוף דער ערד רבי יהושע זאגט פון דאנן לערנן מיר אפ דאס אום ניסן איז די וועלט בשאפן גווארן דען עס שטייט אונ פסוק דיא ערד האט אוס גיצויגן גראז אונ די ביימר האבן גלאזט וואקסן פירות דורך דעם רעגן וואס איז גגאנגן אונ וועלכן חודש איז די ערד שון בקלייד מיט גראז אונ די ביימר לאזן ערשט וואקסן פירות דאס איז ניסן דען דענסט מאל איז די צייט וואס היא בהמות אונ חיות בהעפטן זיך צו אנאנדר איז דארפן זיי האבן גראז אזו וויא אונ פסוק שטייט די פלעצר זענן בקלייד גווארן מיט שאף וואס זענן גקומן צו פאסן זיך אונ דוא פעלדר צו עסן דם גראז וואס איז גוואקסן דורך דעם רעגן אזו זעהן מיר דם אום ניסן איז דיא וועלט בשאפן גווארן (עיין נפש יהודה) רבי אליעזר זאגט פון וואנן לערנן מיר אפ דאס אונ תשרי זענען די אבות גבורן גווארן דען עס שטייט אונ פסוק כל ישראל האבן זיך איין גזאמלט צום מלך שלמה אונ דעם שטארקן חודש אום סוכות דען אונ דעם חודש זענן די אבות גבורן גווארן וואס זיי זענן די שטארקע פון דער וועלט · אויך שטייט אונ פסוק הערט צו איר בערג די קריג פון גאט איר שטארקע גרונד פעסטן דאס זענן די אבות אונ אמהות · אויך שטייט אונ פסוק גאט האט גשפרינגן אויף די בערג זים ער האט פר קורצט די צייט פון גלות מצרים דורך דעם זכות פון די אבות וואס זענן געגליכן צו שטארקע בערג אונ ער איז גשפרונגן אויף די הוכע בערג דאס איז גמיינט דורך דעם זכות פון די אמהות אונ רבי יהושע בן לוי זאגט פון וואנן לערנן מיר אפ דאס אונ ניסן זענן די אבות גבורן עס שטייט אונ פסוק עס איז גוועזן נאך פיר הונדרט אכציג יאר וואס די ישראל זענען ארוס גגאנגן פון מצרים בחודש זיו דאס איז גמיינט דער חודש ניסן וואס די לויטרע לייט זענן אונ אום גבורן גווארן דם זענן די אבות אונ דר חודש תשרי ווערט דרום גרופן דער שטארקר חודש וויל ער איז שטארק מיט מצות דען אום תשרי זענען דא פיל ימים טובים וואס מען טוט אונ זייא פיל מצות דהיינו שופר סוכה לולב ערבה אונ נאך מער מצות · אונ רבי אליעזר זאגט דער חודש ניסן ווערט דרום גרופן דער לויטערר חודש וויל די ביימר זענן דענסטמאל לויטר דאס זיי הייבן אן דענסטמאל צו בלואן דען רב יהודה האט גזאגט ווער עס גייט ארוס אונ די טעג פון ניסן אונ זעהט די ביימר בליאן זאל ער אברכה מאכן גלויבט איז גאט וואס ער הט גאר גיט

גמינערט

גמינערט אוף זיין וועלט אונ האט בשאפן גוטע בשעפניש אונ גוטע ביימר כדי די מענשן זאלין הנאה האבן פון זיי אונ דר וואס זאגט אום תשרי זענן דיא אבות גבורין גוואר׳ן דער זאגט דאס זיי זענן אויך געשטארבן אום תשרי אונ דער וואס זאגט אום ניסן זענן די אבות גבורין גווארן דער זאגט דם זיי זענן אויך געשטארבן אום ניסן דען דער צדיק שטארבט אונ דער איינענר שעה וואס ער ווערט געבורין כדי ער זאל זיינע יארן פול אום לעבן אזו וויא אונ פסוק שטייט דאס משה רבינו האט גזאגט איך בין היינט הונדערט אונ צוואנציג יאר דען אונ דער צייט בין איך געבורין גווארן דאס לערנט אונז דאס גאט רעכנט די יארן פון די צדיקים פון איין טאג צום אנדרן אונ פון איין חודש צום אנדרן אזו וויא אונ פסוק שטייט די צאל פון דיינע טעג וועל איך דער פילן דאס די וועסט דיינע טעג פול אום לעבין אום פסח איז יצחק געבורין גווארן אזו וויא אונ פסוק שטייט דאס דער מלאך האט גזאגט צו אברהם איך וועל מיך צו דיר ווידר קערין אונ איין יום טוב אזו וויא היינט אונ שרה וועט האבין איין זון אונ עס קען נוט זיין דאס דער מלאך איז גוועזן אום פסח אונ האט גזאגט איך וועל ווידר קערין אום שבועות אונ שרה וועט האבין איין זון פון פסח ביז שבועות איז נאר פופציג טעג אזו קען איין אשה נוט טראגענדיג ווערן אונ געווינן אונ דער צייט אונ עס קען ניט זיין דאס דער מלאך איז גוועזן אום שבועות אונ האט גזאגט איך וועל ווידר קומין אום סוכות דען עס איז נאר פינף חדשים אזו קען אויך קיין אשה ניט טראגענדיג ווערן אונ געווינן אונ דער צייט נייארט עס איז גוועזן אום סוכות אונ פסח דער נאך איז יצחק געבורין גווארן פרעגט די גמרא דם קען דאך אויך נוט זיין דען אונ זעקס חדשים קען קיין אשה נוט געווינן ענטפרט די גמרא דאס יאר איז גוועזן איין עיבור אזו איז פון סוכות ביז פסח זיבן חדשים פרעגט די גמרא ווען איך וועל אוועק נעמן די טעג וואס שרה איז אום ריין גוועזן דען וויא די מלאכים זענן גקומן צו אברהם איז שרה איין נדה גווארן אזו האט זיא גמיזט ווארטן ביז זיא האט זיך טובל גוויין אזו בלייבט דאך קיין זיבן גאנצע חדשים נוט איבר ענטפרט מר זוטרא אפילו דער תנא וואס זאגט ווען איין אשה געווינט צו ניין חדשים טראגט זי פול אום ניין חדשים אבר ער איז מודה ווען איין אשה געווינט צו זיבן חדשים קען זי געווינן אפילו ווען זי האט נאר זעקס חדשים אונ עטליכע טעג גטראגן דען עס שטייט אונ פסוק וויא חנה האט גטראגן צווייא תקופות אונ צווייא טעג דאס איז זעקס חדשים אונ צווייא טעג אזו האט זי געווינן שמואל׃ אזו האט שרה אויך נאר גטראגן זעקס חדשים אונ עטליכע טעג אונ הט געווינן יצחק׃ (בראש השנה)

אום ראש השנה איז דער מאנט גווארן אונ הימל שרה אונ רחל אונ חנה דם
זיי זאלן טראגענדיג ווערן · זאגט רבי אליעזר דם לערנן מיר דר פון אז
דען ביי רחל שטייט ויזכור אלהים את רחל אונ ביי חנה שטייט ויזכרה ה׳ אזו
שטייט ביי ביידע דאס ווארט זכרון אונ ביי ראש השנה שטייט אויך זכרון
תרועה צו ווייזן דאס אום ראש השנה איז אויף זיי נגזר גווארן דם זיי זאלן
טראגענדיג ווערן אונ אזו וואל וויא צו חנה איז נגזר גווארן אום ראש השנה
אזו איז צו שרה אויך נגזר גווארן אום ראש השנה דען ביי חנה שטייט כי
פקד ה׳ את חנה אונ ביי שרה שטייט וה׳ פקד את שרה צו ווייזן דאס צו
ביידע איז נגזר גווארן אום ראש השנה זיי זאלן טראגענדיג ווערן אום ראש
השנה איז יוסף ארוס גגאנגן פון דר תפיסה דען עס שטייט אונ פסוק בלאזט
שופר אונ חודש תשרי אים ראש השנה אונ דר נאך שטייט אונ פסוק נאט
הט דעם טאג גיטון פר איין עדות אונ יוסף דם ער הט אים דעם טאג אום
גצוגן פון דר תפיסה אונ הט אים גמאכט פר איין האר איבר מצרים אונ ראש
השנה איז בטל גווארן די ארבוט פון אונזערע עלטרן אונ מצרים דען אזו
וואל וויא יוסף איז פרייא גווארן אום ראש השנה אזו זענן די ישראל אויך
פרייא גווארן אום ראש השנה דען ביי די ישראל שטייט מתחת סבלות מצרים
אונ ביי יוסף שטייט אויך הסירותי מסבל שכמו צו ווייזן דם די ישראל זענן
אויך פריי גווארן אום ראש השנה אזו וויא יוסף אום ניסן זענן די ישראל
דר לייזט גווארן פון מצרים אונ אום תשרי וועלן זיי דר לייזט ווערן לעתיד
דען ביי ראש השנה שטייט תקעו בחודש שופר אונ ביי דר גאולה שטייט
והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול אזו שטייט ביי ביידע דם ווארט שופר
צו ווייזן דם אום ראש השנה וועט זיין די גאולה אונ רבי יהושע זאגט
אום ניסן זענן זיי דר לייזט גווארן פון מצרים אונ אום ניסן וועלן זייא
אויך דער לייזט ווערן לעתיד דען עס שטייט אונ פסוק ליל שמורים היא
לה׳ די נאכט פון פסח איז איין נאכט וואס זי איז גהיט צו דר צייט פון
דר גאולה אחרונה אונ רבי אליעזר זאגט דר פסוק איז גמיינט די נאכט
איז איין היטונג צו ישראל פון די מזיקים דם זיי קענן די נאכט פון פסח
ניט גיזיק ווערן.(וגרסינן) אויך לערנן מיר אונ דר פסיקתא עס שטייט אונ פסוק
צו איביג די גאט האבן דיינע רייד איין בשטאנד אונ הימל · אויך שטייט
אונ פסוק צו דיין משפט שטייאן זייא דעם טאג רבי אליעזר זאגט פונף
אונ צוואנציג טאג אונ אלול איז די וועלט בשאפן גווארן אונ דאס איז אזו
וויא מיר זאגן אונ אונזער תפלה דר היינטיגר טאג איז דר אן הויב פון דיינע
מעשים דם די האט בשאפן אדם הראשון דען אום וינטאג איז גוועזן פונף

אונ

# קיצור מנורת המאור פמ

אונ צוואנציג טאג אונ אלול אונ אום פרייטאג איז אדם הראשון בשאפן גוואָרן דיא ערשטע שעה אונ טאג האט גאט אונ זיין מחשבה געהאט צו בשאפן אום די אנדרע שעה האט גאט זיך בראטן מיט די מלאכים אוב ער זאל אום בשאפן די דריטע שעה האט גאט איין גזאמלט די ערד וואס אדם הראשון איז דר פון בשאפן גוואָרן די פערדע שעה האט אום גאט גקנעטן אזו וויא מען קנעט אטייג די פינפטע שעה האט גאט זיינע גלידר גלייגט וויא אזו ער זאל בשאפן ווערן די זעקסטע שעה האט גאט זיין גוף פארטיג גמאכט דיא זיבטע שעה האט גאט אונ אום גגעבן איין נשמה די אכטי שעה האט גאט אום גבראכט אונ גן עדן די נײנטע שעה איז ער געבאטן גוואָרן דס ער זאל ניט עסן פון דעם עץ הדעת די צעהנטע שעה האט ער גזינדיגט אונ ער האט געגעסן פון דעם עץ הדעת די עלפטע שעה האט מען אום דן גוועגן דאס ער זאל שטארבן די צוועלפטע שעה האט גאט זיין משפט גרינגער גמאכט דס ער זאל בלייבן לעבין אזו האט גאט גזאגט צו אדם הראשון זם איז אסימן צו דיינע קינדר דס אזו וויא דו ביסט פר מיר גשטאנן אונ דעם טאג פון ראש השנה אונ אויך האב מיט דיר חסד גטון אזו וועלין דיינע קינדר אויך פר מיר שטיין אונ דעם טאג אונ דין אונ אויך וועל מיט זייא חסד טון (ואף על פי כן) אונ פון דעסטוועגן זענן דא זאכון וואס בלייבן איבר פון ראש השנה אונ ווערן ניט נגמר נאר אונ גוויסטע צייטן אונ אז דר בית המקדש איז גשטאנן האט מען מקריב קרבנות גוועןן דאס גאט זאל מרוצה ווערן צו דר וועלט אזו וויא מיר זאגן אונ דר גמרא פון ראש השנה מיר האבין גלערנט אלע זאכין ווערן גמשפט אונ ראש השנה אונ דר גזר דין פון איטלעכע זאך ווערט אום גזאגט אונ זיין צייט אום פסח ווערט אום גזאגט וויא אזו די תבואה זאל גראטן אונ אום שבועות ווערט אום גזאגט וויא אזו די פירות פון די ביימר זאלין גראטן אונ אום סוכות ווערט אום גזאגט וויא פיל רעגן עס זאל גיין דס יאר אונ דעם מענשן איז מען דן אום ראש השנה אונ זיין פסק ווערט גחתמת אונ יום כפור רבי יוסי זאגט דר מענש ווערט אלע טאג גמשפט אזו וויא אונ פסוק שטייט דו טוסט דעם מענשן דר מאנן אונ אלע אונ דער פריא רבי נתן זאגט דער מענש ווערט אלע שעה גמשפט אזו וויא אונ פסוק שטייט אלע רגע טיסטו פריבן די מעשים פון דעם מענשן (ואמרינן עלה) אויך זאגן מיר אונ דער גמרא מור האבון גלערנט רבי יהודה זאגט פון וועגן רבי עקיבא ווארום האט דיא תורה גזאגט מען זאל ברענגן איין עומר פון דער נייאו תבואה אין בית המקדש אום פסח וייל פסח איז די צייט וואס מען זאגט אום

וויא

וויא אזו דוא תבואה זאל גראטן אזו זאגט גאט ברענגט פר מיר איין עומר כדי עס זאל צו אייך גבענשט ווערין אייער תבואה פון די פעלדר אונ ווארום האט די תורה גזאגט מען זאל אום שבועות ברענגן אונ בית המדרש צוויא ברוט פון דער נייע ווייץ וויל אום שבועות ווערט אוים גזאגט וויא אזו די פירות פון די ביימר זאלין גראטן אזו זאגט גאט זייט פר מיר מקריב צוויא ברוט אום שבועות כדי עס זאל אייך גבענשט ווערן די פירות פון די ביימר אונ ווארום האט די תורה גזאגט מען זאל וואסר גיסן אויף דעם מזבח אום סוכות וויל אום סוכות ווערט אום גזאגט וויא פיל רעגין עס זאל גיין דאס יאר אזו זאגט גאט גיסט פר מיר וואסר אום סוכות כדי עס זאל אייך גבענשט ווערן די רעגן פון אגאנץ יאר אונ זאגט פר מיר אום ראש השנה אונ אייער תפלה פסוקים וואס עס שטייט אונ זייא מלכיות · זכרונות · שופרות · מלכיות זאלט איר זאגן כדי איר זאלט מיך מאכן פר איין מלך איבר אייך · זכרונות זאלט איר זאגן כדי אייער גדעכניש זאל אויף גיין פר מיר צו גוטן אונ דאס וועט זיין דורך דעם וואס איר בלאזט שופר · רבי אבהו זאגט ווארום בלאזט מען אום ראש השנה מיט א שופר פון איין איל דען גאט זאגט בלאזט פר מיר אום ראש השנה מיט א שופר פון איין איל כדי אויך זאל אייך גדענקן די עקידה פון יצחק בן אברהם אונ אויך וועל עס אייך רעכנן גלייך וויא איר האט אייך פר מיר גבינדן מקריב צו זיין פר א קרבן דען די עקידה פון יצחק אוז אגרויסע זאך צו די קינדר פון אברהם ראס גאט האט זייא תמיד לוב. דורך דעם וויל אברהם אוז גקומן צו טון דעם ווילן פון דיין בשעפר אונ האט גוואלט זיין בן יחיד פר אום מקריב זיין אונ דער זכות שטייט בייא צו די ישראל אונ אלע זייערע צרות וויל אברהם אוז אויך דער גרויסר פריב בשטאנן אזו וויא מיר לערנן אונ פרק אלו הן הנחנקים עס שטייט אונ פסוק עס איז גוועזן נאך די דאזיגע רייד זאגט רבי יוסי בן זמרא עס אוז גוועזן נאך דעם דאס דער שטן האט גרעט פר הקב״ה אונ האט גזאגט רבש״ע די האסט צו אברהם צו הונדרט יאר איין זון גגעבן אונ ער הט אגרויסע סעודה גמאכט אונ ער האט צו דיר נוט מקריב גוועזן אפילו איין קרבן האט גאט צו אים גזאגט ער האט דאך די סעודה גמאכט פון וועגן זיין זון יצחק ווען איך זאל צו אום זאגן ער זאל זיין זון אליין פר איין קרבן ברענגן אזו וואלט ער עס אויך גוטן · (ועל כן) אונ דרום האט גאט גהייסן בלאזן מיט איין שופר פון איין איל צו איין גדעכניש אויף דעם איל וואס מען הט

אים

# קיצור מנורת המאור פ״מ

אִים מַקְרִיב גְוֶועֶן אוֹיף דֶעם אוֹרְט פוּן יִצְחָק אוּנ דִי אַלֶע פְּסוּקִים וָואס מִיר זָאגְעֶן אוּנ אַלֶע תְּקִיעוֹת וָואס מִיר בְּלָאזְן אִיז אַלְץ צוּ טוּן תְּשׁוּבָה אוּנ צוּ מַאכְן גָאט פַר אֵיין מֶלֶךְ אִיבֶּר אוּנְז צוּ בֶּעטְן פוּן פַר גָאט דֶם חָאנְטְשֶׁע מִיר הָאבְּן נוּט גְטוּן קֵיין רֶעכְטֶע תְּשׁוּבָה זָאל דָאךְ וֶוערְן דֶער מַאנְט פַר אִים וִויא עֶר הָאט דֶער מַאנְט אוּנְזֶערֶע מוּטֶערְס צוּ גוּטְן אוּנ דִי עֲקֵידָה פוּן יִצְחָק וָואס עֶר אִיז גְוֶועֶן אַגְלִיבְּטֶער צוּ גָאט וִויא בַּאלְד עֶר אִיז פוּן זַיין מוּטֶערְס בּוּךְ אַרוֹס גְגַאנְגְן אוּנ דְרוּם לֵיינְן מִיר אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה דִי פַּרְשָׁה וה׳ פָּקַד אֶת שָׂרָה אוּנ דִי עֲקֵידָה פוּן יִצְחָק אוּנ מִיר זָאגְעֶן דִי הַפְטוֹרָה פוּן חַנָה אוּנ דֶער נָאךְ שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל כְּדֵי דָאס אוּנְזֶער גֶדֶעכְנִשׁ זָאל אוֹיף גֵיין פַר גָאט צוּ גוּטְן אוּנ גָאט זָאל זִיךְ דֶער בַּארְמְן אִיבֶּר אוּנְז׃

## תם ונשלם חלק שני